STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11992

ERETS YISROEL ALS LAND FAR IDISHER KOLONIZATSYE

Itzhak Ben-Zvi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. בן-צבי (אבנר)

ארץ ישראל אַלס לאַנד
פאַר
אידישער קאָלאָניזאַציע

ארויסגעגעבען פון
פועלי ציון פאַלעסטינא קאָמיטעט
ניו יאָרק, תרע"ו.

POALE ZION PALESTINE COMMITTEE
89 Delancey Street, New York

479
ALPHA PRESS, 142 Henry St., N. Y.

אינהאַלטס-פערצייכניס:

1) קאַפּיטעל א): קאָלאָניזאַציאָנס-מעגליכקייטען — — 3—14

2) קאַפּיטעל ב: אינדוסטריע מעגליכקייטען — — — — 15—28

3) קאַפּיטעל ג: שלוס-וואָרט — — — — — — — — 42—45

5) אַ מפּה פון פּאַלעסטינא. — — — — — — — — — 47

ארץ ישראל אַלס לאַנד פאַר אידישע קאָלאָניזאַציע

קאַפּיטעל א.

קאָלאָניזאַציאָנס־מעגליכקייטען

1

אזוי אָפט ווי מען רעדט פון ארץ ישראל — ווערט געשטעלט די פראַגע, אויב דאָס לאַנד איז בכלל פעהיג אויפצונעהמען אין זיך דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אָדער לכל הפּחות די מעהרהייט פון פאָלק? די פראַגע אָן־און־פיר־זיך איז זעהר א וויכטיגע, זי ווערט אָבער געשטעלט אין א ניט־ריכטיגער, צו־אַבסטראַקטער פאָרם. מען מוז געדענקען, אַז די אויפנאַהמס־פעהיגקייט פון יעדען האַלב־בעזעצט לאַנד ענטוויקעלט זיך בהדרגה און וואַקסט מיט דער צייט אַלץ מעהר און מעהר. ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל קאָנטראָלירען די איינוואַנדערונג אין ארץ ישראל און זאָל פערנעהמען די וויכטיג־סטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין לאַנד, וועט דאָס לאַנד וואָס א יאָהר ווערען אַלץ מעהר אויפנאַהמס־פעהיג פאַר אידישע איינוואַנ־דערער, ווייל ס׳וועלען געשאַפען ווערען אַלץ מעהר עקאָנאָמישע עקזיסטענץ־מעגליכקייטען און דאָס פעלד פוןווירטשאַפטליכער טעטיגקייט וועט אַלץ ברייטער און גערוימער ווערען. דאָס לערנט אונז די ערפאַהרונג פון אַלע קאָלאָניזאַציאָנס־לענדער.

לאָמיר אָבער צוגלידערען די גאַנצע פראַגע.

ערשטענס איז עס א גרויסער חלוק, צו ס׳רעדט זיך וועגען

דער אזוי גערופענער „קליינער ארץ ישראל" אדער ווענן דער „גרעסערער ארץ ישראל". די גרעסערע ארץ ישראל נעהמט אריין, חוץ „פאלעסטינא" אויך איינינע „נאכבאר־לענדער", די „ברייטע ארץ ישראל" (די וואס ווערט אין תנ"ך באצייכענט אלס „ארץ כנען") איז כמעט דיזעלבע זאך וואס סוריה. זי פאר־נעהמט א געוואלדיגען שטח פון א 260־280 טויזענד קוואדראט קילאמעטער (100 ביז 108 סקווער מייל) און איז אויף איין פערט־חלק גרעסער, ווי גאנץ גרויס־בריטאניען. „קליין ארץ ישראל", אבער, גרעניצט פון צפון־זייט מיט די בערג לבנון, פון דרום מיט דעם מדבר סיני, פון מזרח מיט דעם ים־המלח און דער עבענע פון דמשק, און פון מערב־זייט מיט דעם מיטעללענדישען ים. דאס איז, יענעס לאנד, וואס מ'רופט אן געוועהנליך איינפאך „פאלעסטינא". דאס לאנד איז אבער אויך א סך גרעסער איידער פיעלע שטעלען זיך דאס פאר: זי האלט א שטח פון 80.000 קוואדראט קילאמעטער (31 טויזענד סקווער מייל). דער מערב טייל פון דעם לאנד אליין פערנעהמט 29 טויזענד קוואדראט קילאמעטער (11 טויזענד סקווער מייל), ד. ה. עס איז אן ערך אזוי גרויס, ווי בעלגיען צוזאמען מיט די שכנ'שע דעפארטאמענטען פון פראנקרייך.

דאס גרעסערע „ארץ ישראל" קען, פערשטעהט זיך, אריינ־נעהמען דריי אדער פיער מאל מעהר מענשען, איידער דאס קליין ארץ ישראל, מיר וועלען זיך דערווייל אפשטעלען אויף קליין ארץ ישראל און בעטראכטען איהר אויפנאהמס־פעהיגקייט. ערשט שפעטער, אין דעם לעצטען קאפיטעל, וועלען מיר בעריהרען אויך די ווייטערע מעגליכקייטען פון דער ברייטער ארץ ישראל.

צווייטענס, מוז מען גענוי אונטערשיידען, ווען מען רעדט פון קאלאניזאציע, וועלכע קאלאניזאציע מיינט מען — די דאר־פישע, צי די שטאדטישע.

אלס יסוד פאר דעם קומענדיגען פעסטען אידישען פאלקס־לעבען אין ארץ ישראל, מוז מען האבען אין דער ערשטער רייהע

די קאָלאָניזאַציע פון לאַנד־ווירטשאַפטליכע עלעמענטען. דאָס איז אויך די שווערסטע זייט פונ׳ם אידישען קאָלאָניזאַציאָנס־פּראָבלעם. די פראַגע שטעהט פאַר אונז אַלזאָ קודם־כל אין דער פאָרם: צי איז ארץ ישראל פעהיג צו פערענטפערען דאָס פּראָבלעם פון אידישער באָדענלאָזיגקייט? מיט אַנדערע ווערטער, צי קען דאָס לאַנד אויפ־נעהמען גענוג אידישע ערד־אַרבייטער און פויערים, וואָס זאָלען זיך קענען מפרנס זיין פון זייער אַרבייט און בילדען די מעהרהייט פון דער לאַנד־ווירטשאַפטליכער בעפעלקערונג? די פראַגע וועגען דער אידישער איינוואַנדערונג אין די שטעדט פון ארץ ישראל איז אויך ניט קיין קליינע און אונוויכטיגע, אָבער אין פערגלייך מיט דער לאַנד־ווירטשאַפטליכער פראַגע, לויט איהר שוועריגקייט און וויכטיגקייט פאַר אונז, איז זי נור פון דער צווייטער מדרגה. מיר וועלען זי אויך בעטראַכטען, אָבער ערשט נאָכדעם, ווי מיר וועלען מיט דער ערשטער פאַרטיג ווערן.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די היינטיגע בעפעלקערונג פון ארץ ישראל?

צום בעדויערען האָבען מיר ניט קיין גאַנץ פּינקטליכע סטאַ־טיסטיק פון דער לאַנד־בעפעלקערונג, און מיר מוזען אַננעהמען דעם צאָהל פון די פערשיעדענע איינוואָהנער פון ארץ ישראל נור בקירוב.

גאַנץ „קליין ארץ ישראל“ (אין די אויבען אַנגעוויזענע גרע־נעצען) האָט היינט צו טאָג אַ סך אַ גרעסערע בעפעלקערונג איידער מען שטעלט זיך פאָר — נאָהענט צו איין מיליאָן נפשות. פון דעם צאָהל זיינען העכער 700 טויזענד אין מערב ארץ ישראל (וועסט פּאַלעסטינאַ), וואו עס איז קאָנצענטרירט די גאַנצע 100.000־דיגע אידישע בעפעלקערונג און די גאַנצע קאָלאָניזאַציע. די איבעריגע 170 טויזענד איינוואָהנער זיינען אויף יענער זייט ירדן (אין עבר הירדן, אָדער איסט־יאָרדאַן־לאַנד). אין דער לעצטער טייל איז ניטאָ קיין אידישע בעפעלקערונג און קיינע קאָלאָניעס.

ווען מען רעדט פון ארץ ישראל מוז מען דעריבער אונטער־

שיידען די ביידע געביטען: דעם עבר־הירדן און דאס מערב ארץ ישראל. ליידער פערמישט מען זיי אפט און מען רעדט וועגען גאנץ ארץ ישראל מיינענדיג דערביי נור די מערב־טייל פון לאנד.

די בעפעלקערונג פון מערב־לאנד איז איינגעטיילט אונגעפעהר אזוי: העכער 500 טויזענד מוסולמאנער, 80 טויזענד קריסטען און 100.000 אידען. אין עבר־הירדן וואהנען 150.000 מוסולמאנער, 58 טויזענד קריסטען און 55 טויזענד דרוזען.

אין מערב־טייל שטעלען מיט זיך די אידען, אלזא, פאר 16 פראצענט פון דער בעפעלקערונג. אבער זיי זיינען ניט אין א גלייכער מאס צוטיילט איבער'ן לאנד, אין מאנכע געגענדען, ווי צום ביישפיעל, אין גאנץ טבריה'ער ראיאן שטעלען די אידען מיט זיך פאר די מ ע ה ר ה י י ט פון דער בעפעלקערונג און בעזיצען מעהר ווי א העלפט פון דעם בעארבייטען באדען פון דעם ראיאן. אין די שטעדט ירושלים און צפת זיינען די אידען אויך אן אבסאלוטע מערהייט אנדערע ערטער אין די דיסטריקטען זיינען פערקעהרט — פריי פון אידען.

די איבעריגע בעפעלקערונג איז צוטיילט אויף פערשיעדענע גרופען און טיילען. די מעהרהייט פון די מ ו ס ו ל מ א נ ע ר זיינען סוניטען,*) אבער א טייל פון זיי זיינען סעקטאנטען, האבען בעזונדערע געמיינדען און א בעזונדער ארגאניזאציאן.

ניט ווייניגער פון 80.000 פון די אויסגערעכענטע 670.000 זיינען וואנדערנדע בעדואינישע שבטים מיט א בעזונדער לעבען און בעזונדערע ארגאניזאציאנען. די שבטים קעמפפען צווישען זיך. און פיהרען אן א שטענדיגען קאמפף נעגען די איינגעזעסענע פעלאחען. די איבעריגע בעפעלקערונג איז כמעט אויף גלייך צוטיילט צווישען די שטעדט און דערפער, די דארפישע בעפעלקערונג גופא

---

*) דאס ה. זיי האבען אויסער זייער „קאראן" א סארט „תורה שבעל־פה".

איז צווישען זיך צוריסען, לויט דערפער און לויט פאמיליעס, וועל־
כען פיהרען אן יאהרען לאנג אינערליכע מלחמות און רייסערייען.

וואס אנבעלאנגט צו די קריסטען, זיינען זיי אין מערב ארץ ישראל קלענער אין צאהל ווי די אידען. צוזאמען מיט די קריסטען פון חורן איז זייער צאהל גרעסער פון די אידען. זיי זיינען אבער צו־ריסען אויף 12־11 פערשיעדענע סעקטען, וועלכע לעבען בעזונ־דער, מישען צווישען זיך ניט אויס, און פיהרען אן איינע געגען אנדערע א שטענדיגען ביטערען קאמפף. אזוי, צום ביישפיעל, זיי־נען די קריסטליכע אראבער פון ירושלים'ער ראיאן (אונגעפעהר 45.000 נפשות אין צאהל) צוטיילט אויף לאטינער, מא־ראניטען, פעראייניגטע „גריכען", קאטוילישע אראבער, סו־ריאנער, ארטאדאקסישע אראבער (רוסיש־ארטאדאקסישע און גריכיש ארטאדאקסישע), פראטעסטאנטען און זא ווייטער. אויסער זיי, זיינען נאך דא פעראייניגטע קאפטען און אביסיניער, דאן ניט־פעראייניגטע קאפטען, איראפעער מכל המינים און ז. וו. פון די אויסגערעכענטע 45.000 נפשות זיינען בלויז 29.000 פעראייניגט מיט דער קאטוילישער קירכע אין פערשיעדענע מדרגות פון פעראייניגונג. דיזעלבע געשיכטע איז אין חורן מיט זיינע 41.000 קריסטען — 19.000 פון זיי זיינען פעראייניגט מיט רוים, 22.000 זיינען אבער ניט פעראייניגט, זיי זיינען אלע צוריסען און צוטיילט אויף אונצאהליגע סעקטען וואס רייסען זיך ארום און קענען זיך ניט איינטיילען מיט דער ירושה.

עס איז, אלזא, ניט ריכטיג צו בעטראכטען ארץ ישראל אלס איינהייטליכע אראבישע פראווינץ. אמת, די שפראך פון דער גרעסטער מעהרהייט פון דער גאנצער בעפעלקערונג איז אראביש, דאך זיינען די אראבער, ווי מיר האבען געזעהן, צוריסען אויף רעליגיעזע סעקטען און געמיינדען, וועלכע זיינען שארף צווישען זיך אונטערשיעדען און פיהרען אן א שטענדיגען קאמפף. און א רעליגיעזע גרופע אין דעם אריענט קאן ניט געמאסטען ווערען מיט אן איראפייאישער,

אדער אמעריקאנער מאס. יעדע רעליגיעזע גרופע אין דער טערקיי האט זיך איהר בעזונדערע פאליטיש־קולטורעלע ארגאניזאציאן און איז אינערליך אויטאנאם. זי האט בעזונדערע נאציאנאלע שטריכען, די מחמד'אנער סוניטען (וואס האלטען פון דעם סונת־מסורת) מישען זיך ניט אוים מיט די שיעיטען (וואס האלטען נור פונ'ם קוראן) און בעטראכטען די לעצטע אלס סעקטאנטען־היערעטיקער. די קריסטליכע סעקטען האבען ניט נור בעזונדערע זיטען, נור אויך פאליטישע סימפאטיען און א פאליטישע פראגראם. די „פראוואסלאוונע" אראבער ציהען צו רוסלאנד, די קאטאליקען — צו פראנקרייך, די פראטעסטאנטען — צו ענגלאנד. יעדע קריסטליכע סעקטע ווערט אפיציעל בעטראכט אלס א בעזונדער „מילעט". דאס מיינט נאציאנאל־גרופע, און אזוי בעטראכטען זיי זיך זעלבסט, אלס א בעזונדערע קליינע נאציאנאליטעטען.

די בעפעלקערונג פון די 29 שטעדט פון ארץ ישראל, וועלכע צעהלען העכער 2.000 נפשות איז אונגעפעהר 350.000. ווען מען זאל דערצו נאך מוסיף זיין די 80,000 וואנדערנדע בעדואינער, 15,000 אידען און 2.500 דייטשען אין די קאלאניעס, וועט עס זיין צוזאמען קרוב צו 450.000 נפשות. די איבעריגע 500.000 שטעלען מיט זיך פאר אונגעפעהר די אראבישע לאנדווירטשאפטליכע בעפעלקערונג פון ביידע טיילען ארץ ישראל.

איצט לאמיר, אויפ'ן גרונד פון אט די ציפערען און פאקטען אויסרעכענען די לאנד־ווירטשאפטליכע אויפנאהמס־פעהיגקייט פון ארץ ישראל (אין ענגען זין) פאר אידישער קאלאניזאציע.

2

אין לויף פון דער קאלאניזאציע וועט אויך די ארטיגע ניט־אידישע בעפעלקערונג (אראבער־מוסולמאנער, אראבער־קריסטען, דרוזען) זיכער וואקסען אין צאהל. לאמיר אננעהמען, אז אין משך

פון עטליכע צעהנדליג יאהר וועט זי זיך אין אנדערטהאלבען מאל פערגרעסערט ווערען, ד. ה. אז די לאנד־ווירטשאפטליכע בעפעלקע־רונג פון ניט־אידען וועט דערגרייכען א 750 טויזענד נפשות.

מיר נעהמען אן, בלי ספק, ניט קיין נידעריגע ציפער, ווייל די אראבישע לאנד־ווירטשאפטליכע בעפעלקערונג האלט דערווייל ניט אין פערגרעסערען זיך, נור זי פערקלענערט זיך אפילו אין א סך ערטער, און דאס איז פאר דער אידישער קאלאניזאציע א גינציגער פאקט. נור מיר זיינען זיך בכיון משער, אז די אידישע איינוואנ־דערונג וועט פארקומען ביי אונגינציגע באדינגונגען, כדי אונזער חשבון זאל אויסקומען וואס מעהר אביעקטיוו.

איז, בכן, נויטיג, אז די אידישע קאלאניזאציע זאל פאר דיזעל־ביגע צעהנדליגער יאהרען אריינברענגען אין לאנד ניט מעהר, ווי 750 טויזענד לאנד־ווירטשאפטליכער בעפעלקערונג, כדי די אידען זאלען מעהר ניט זיין קיין מינדערהייט אין לאנד.

מיט אנדערע ווערטער, וויפיעל אידען דארפען לעבען פון ערד־ארבייט אין ארץ ישראל, כדי דאס לאנד זאל ווערען אין א צייט ארום א אידישע מדינה אין פולען זין פון ווארט? וואסער א צאהל אידישע דארף קאלאניסטען קאן ענדליך לעזען די פראגע פון דער באדענגלאזיקייט פון אונזער פאלק? דאס איז, אפילו ביי די ערגסטע באדינגונגען, די צאהל 750 טויזענד אידישע נפשות אין לויף פון עטליכע צעהנדליג יאהר.

איצט איז די פראגע אויב ארץ ישראל איז פעהיג אריינצור־נעהמען אין א צייט פון עטליכע צעהנדליג יאהר אזא צאהל אידישע ערד־ארבייטער?

750 טויזענד אידען מאכט אויס לערך פון 150 ביז 190 טוי־זענד משפחות. לאמיר זעהן, וויפיעל ערד דאס פערלאנגט און וויפיעל ערד איז פאראן אין ארץ ישראל, וואס זאל זיין פריי פאר קאלאני־זאציע.

ווי דער לעזער ווייס, איז א גרויסער אונטערשיעד, אויב די קאָ־לאניזאציע וועט אנגעהן אין דער פאָרם פון קליינע פאמיליען־ווירט־שאפטען, אדער א גרויסער פריוואטער פלאנטאציאנס־ווירטשאפט, אדער גאר אין א קאאפעראטיווער ווירטשאפט. די קליין פאמיליען־ווירטשאפט פערלאנגט מעהר ערד, די קאאפעראציע איז אבער זעהר שפארעוודיג און קען בעזעצען א גרויסע צאהל קאלאניסטען אויף א קליינעם שטח ערד. נור לאמיר ווידער טאקע אננעהמען די וואר־שיינליכסטע באדינגונגען, נעהמליך, אז אלע אידישע קאלאניסטען וועלען פיהרען א קליינע פריוואט־ווירטשאפט, איטליכער פאר זיך אויף זיין שטיקעל ערד.

לויט דער רעכנונג פונ'ם בעקאנטען דייטשען אגראנאם און פאלעסטינא־פארשער הובערט אויהאגען*) און די קאררעקטיווען פונ'ם פערשטארבענעם ארץ ישראל קענער א. ספיר, קענען צוויי העקטאר ערד אין ארץ ישראל לייכט ארייננברענגען (אויסגערעכענט אויף געמישטע „טרוקענע" פלאנצונגען, ווי: אליוועז, וויינשטאק, פייגען, מאנדלען און קליינעם גרינס־גארטען) 810 פראנק א יאהר, דאס הייסט, אז ביי די פרייזען פון ארץ ישראל, זיינען 2 און האלב העקטאר**) (28 דונאם) גאנץ גענוג פאר א משפחה פון 4—5 נפשות. נור לאמיר ווידער אננעהמען, אז אין משך פון דער צייט וועט די יקרות גרעסער ווערען, און א אידישע פויערים־משפחה וועט זיך נוטיגען אין גאנצע 3—4 העקטאר פאר איהר עקזיסטענץ. דאס בעטייט, אז כדי די אידען זאלען ווערען די פאק־טישע מעהרהייט אין ארץ ישראל, באדארפען זיי האבען (פאר 190 טויזענד משפחות) ניט מעהר ווי 700 טויזענד העקטאר ערד (זיעבען מיט א האלבען מיליאן דונאם).

---

*) אין זיינע „בייטרעגע צור קענטניס דער לאנדסנאטור אונד דער לאנד־ווירטשאפט סיריענס", בערלין 1907.

**) איין העקטאר איז כמעט 2,5 (צוויי מיט א האלבען) ענגלישע אקער, אדער מיט אנדערע ווערטער, איין אקער איז 0,4 העקטאר.

הובערט אויהאגען האט אנגענומען, אז פויערים־פאמיליעס וועלען אנפיהרען אן אינטענסיווע ווירטשאפט, ד. ה. זיי וועלען פון זייער קליינער נחלה אויפפיהרען א טייל פאר אליוען און אנ־דערע פרוכט־בוימער, און א טייל פאר תבואה, ירקות און דעסגליי־כען. ווען אבער די ווירטשאפט זאל ניט זיין אזוי אינטענסיוו, ברויכט מען האבען מעהר ערד, כדי מפרנס צו זיין א גאנצע פא־מיליע. דער אראבישער פעלאך, וואס געברויכט די פרימיטיווסטע מכשירים, בענוצט געוועהנליך 10—15 העקטאר, נור ער פערשטעהט ניט אויסצונוצען אפילו די קלענסטע טעכנישע מעטאדען און מיט א ביסעל בעסערע אינסטרומענטען און מאשינען וועט אפילו ביי עקסטענסיווער תבואה־ווירטשאפט זיין נויטיג ניט מעהר, ווי 6—8 העקטאר פאר א משפחה. און דאס מאכט אויס ניט מעהר ווי א מיליאן ביז אנדערטהאלב מיליאן העקטאר (11 ביז 16 מיליאן דונאם) פאר דער גאנצער אידישער קאלאניזאציע.

וויפיעל ערד איז, אבער, פאראן אין „קליין פאלעסטינא“? דער גאנצער שטח איז 80.000 קוואדראט קילאמעטער, וואס עס מאכט אויס 8.000.000 העקטאר (אדער 88.000.000 דונאם) עס וועט גאר ניט זיין איבערטריבען צו זאגען אז פופציג פראצענט פון דעם באדען, ד. ה. 4 מיליאן העקטאר איז פאסיג צו בעארבייטען. אידען ברויכען, אבער, פאר דער ערשטער צייט ניט מער ווי איין מיליאן ביז אנדערטהאלב מיליאן העקטאר באדען.

מיט איין ווארט, ביי די ערגסטע בעדינגונגען, ביי דער שוואכס־טער עקסטענסיווער ווירטשאפט, כמעט אהן שום מאדערנע פאר־בעסערונגס־מעטאדען, ביי מיטעלמעסיגער טעכניק, וועלען אידען בעדארפען א פינפט־חלק פונ׳ם גאנצען באדען, וואס דאס קליין־פאלעסטינא פערמאגט, אדער א דריטעל פון דעם בעארבייטונגס־פעהיגען באדען.

א ניט־אידישע דארף־בעפעלקערונג וועט האבען איבער־גענוג פאר איהר עקזיסטענץ די איבעריגע צוויי דריטעל גוטען באדען פון ארץ ישראל.

.3

אויף וואס איז דאס אלץ געררעדט געווארען? אויף דעם ערגסטען תנאי, אז די קאלאניזאציע וועט פארנעהמען גאנצע צעהנדלינגער יאהרען, איידער די אידען וועלען ארייננברענגען אין ארץ ישראל א הונדערט ביז צוויי הונדערט טויזענד לאנדווירטשאפטליכע משפחות. און נאך אמאל אויף דעם שלעכטען תנאי, אז די אר־טיגע אראבער וועלען נאך אלץ פערבלייבען ביי זייער ווילד־פרימי־טיווער ווירטשאפט, וואס פערלאנגט אזוי פיעל ערד, און אויב די אידען, פון זייער זייט, זאלען ניט שטעהן א סך העכער, פאר די אראבער אין זייער טעכניק.

נאר דערמיט האבען מיר געמאכט צו־גרויסע הנחות די פע־סיסטמען, וואס גלויבען ניט אין דער מעגליכקייט פון ארץ ישראל. אין דער אמת'ען זיינען די אויסזיכטען א סך בעסער, ווי מיר האבען זיי דא געשילדערט.

ערשטענס, איז נאך היינט־צו־טאג פאראן אין ארץ ישראל אהן א שיעור פרייער בארען, וואס ווערט נאך לחלוטין פון קיינעם ניט בעארבעט. לויט די אפיציעלע אנגאבען ווערט אין דעם ירושלים'־ער סאנדזשאק בעארבייט בלויז 5,28 פראצענט פון'ם גאנצען באַ־דען (ווענינער ווי איין זעכצעהנטעל) און אין ביירוטער ווילאיעט בלויז 9.76 פראצענט, ווענינער ווי איין צעהנט־חלק פונ'ם גאנצען שטח. ס"ה ווערען בעארבייט אין ארץ ישראל העכסטענס 400 טויזענד העקטאר, און דאביי עקזיסטירט אין לאנד א בעפעלקערונג פון א קארגען מיליאן מענשען, ביי דער פרימיטיווער טעכניק. כמעט אהן אינדוסטריע און ביי א זעהר שוואכען מסחר. אויב מיר זאלען אנעהמען אז העלפט פון דעם גאנצען בארען איז פעהיג צו בעארבעט ווערען, קומט אויך אויס, אז עס בלייבען ניט בעאר־בייט נאך איבער דריי מיליאן העקטאר גוטען בארען, ד. ה. אכט מאל מעהר, איידער ס'ווערט היינט־צו־טאג אויסגענוצט. מיט א געוויסער אנשטרענגונג פון פאלקס־ענערגיע און קאפיטאלען, האט

אלזא קליין־פאלעסטינא אליין שוין היינטיגען טאג געגוג פלאץ פאר פינף־זעקס מיליאן נייע מענשען.

מיר האבען ערשט אנגענומען, אז נור האלב פון דעם באדען איז פעהיג בעארבייט צו ווערען. אין דער אמת'ען איז די פראפארציע צו קליין. אין דער פערגאנגענהייט איז כמעט דער גאנצער באדען, וואס ליעגט איצט וויסט און פערלאזען, די זומפען, זאמדען, פעלזען און שטייניגע פעלדער — זיינען געווען מעהר־וועניגער בעארבייט. נור דער דרום טייל פון לאנד איז געווען וויסט. די איבריגע טיילען קאנען יעצט לייכט ווידער בעארבייט און ווידער בעלעבט ווערען. די בערג קענען בעצוימט ווערען מיט טעראסען און פערפלאנצט ווערען מיט בוימער, מיט וויין־גארטענס, די זומפען — אויס־געטריקענט און דרענאזשירט ווערען מיט קאנאלען און אייקא־ליפטוס־בוימער, די מדבריות און פעלזיגע פעלדער בעוואסערט ווע־רען פאר פלאנטאציעס און זאמדען בעפעסטיגט ווערען פאר גרויסע וועלדער און גארטענס. עס איז ניט מעהר, ווי א פראגע פון קאפיטאל און ארבייט.

דער בעריהמטער אידישער היסטאריקער אין אלטערטום, יוסף פלאוויוס שרייבט אין זיין „אויטאביאגראפיע“, אז נור אין דער קליינער צפון־פראווינץ ג ל י ל האבען אין זיין צייט עקזיס־טירט ניט וועניגער, ווי 204 שטעדט און דערפער. אין אן אנדער ארט בעשרייבט ער ג ל י ל אויף'ן פאלגענדען אופן: „די פרא־ווינץ איז זעהר פרוכטבאר, איבערפול מיט לאנקעס, רייך בעפלאנצט מיט פערשיעדענע סארטען בוימער, און מיט איהר רייכטום פא־דערט זי אויף צו ארבייט אפילו דעם פוילען פויער... קיין איין שטיקעל באדען בלייבט ניט אונבעארבייט, און דאס לאנד איז ממש איבערפילט פון מענשען. מחמת דער זאנדערבארער פרוכט־בארקייט פון באדען איז די בעפעלקערונג אזוי געדיכט, אז אפילו דאס קלענסטע דארף צעהלט ניט וועניגער פון 15 טויזענד איינ־וואהנער... גאנץ גליל זעהט אויס ווי איין ריעזיגער גארטען...“

ווען אפילו מיר זאָלען אננעהמען די גרעסטע איבערטרייבונג ביי דעם דאָזיגען היסטאָריקער, וואָס האָט דאָס אַליין געזעהן מיט זיינע אייגענע אויגען, — איז דאָך אַלץ די בעפעלקערונג פון גליל בעשטאַנען לכל הפחות פון עטליכע מיליאָן אידען. גליל איז אָבער בלויז איין קליינער טייל פון „קליין־פּאַלעסטינא"! דערביי איז נויטיג צו בעמערקען, אַז די קלימאַטישע, געאָלאָגישע, הידראָלאָגישע און אנדערע נאַטירליכע בעדינגונגען פון ארץ ישראל האָבען זיך פון יענער צייט ניט פערענדערט. מיר האָבען דעריבער רעכט צו לערנען אַ לאָגישען קל וחומר: אויב אין דער צייט פון אַלטערטום, ביי יענער פּרימיטיווער טעכניק, האָט די מענשליכע ענערגיע אַליין, כמעט אָהן מכשירים, געקענט פערוואַנדלען פּאַלעסטינא אין אַן „ארץ זבת חלב ודבש", היינט וואָס וואָלט דאָרט געקענט דערגרייכען דאָס פעראייניגטע און אָרגאַניזירטע אידישע פאָלק אין דער היינטיגער צייט, ווען די ראַציאָנאַל־וויסענשאַפטליכע מעטאָדען פון עקאָנאָמיע האָבען איבעראַל אין דער וועלט פערדאָפּעלט דעם שטח פון בעארבייטען באָדען און פערדרייפאַכט די פּראָדוקטיוויטעט?

פיעלע מיליאָנען אידען וועלען געפינען פּלאַץ אין ארץ ישראל ביי דער לאַנדווירטשאַפט אַליין. אָבער די אידישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך ניט צו בעשרענקען נור אויף דעם דאָרף. אויף דעם גרונד פון לאַנדווירטשאַפט וועט ענטשטעהן אַ אינדוסטריע און האַנדעל. בעהערשענדיג די ערד, די אוצרות פון נאַטור און די נאַטירליכע פערקעהרסמיטעל, וועלען אידען ערשט רעכט אויפבויען די שטעדט. דער שווער־פּונקט פון מאַסען־אימיגראַציאָן וועט נאַטירליך ליגען אין דער שטאָדטישער און אינדוסטריעלער קאָלאָניזאַציע. אָבער וועגען דעם — אין אַ צווייטען קאַפּיטעל.

קאפּיטעל ב.

אינדוסטריע - מעגליכקייטען

.1

אין דעם פאַריגען קאפּיטעל האָבען מיר געהאַט צו טהאָן מיט דער לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלאָניזאַציע. יעצט קומען מיר צו צו דער שטאָדטישער אינדוסטריעלער בעזעצונג פון אידען אין ארץ ישראל.

„קליין־ארץ־ישראל" פערמאָגט איינינע צעהנדליג שטעדט און שטעדלאַך, פון וועלכע 29 זיינען מיט א מינימאַלער בעפעלקערונג פון צוויי טויזענד נפשות. בסך הכל, צעהלען די דערמאָנטע שטעדט אַן ערך פון 350 טויזענד איינוואוינער, אין דעם אריינגערעכענט 80 טויזענד אידען. די איבריגע איינוואוינער זיינען מחמדאַנער און קריסטען.

מערקווירדיג איז דער כאַראַקטער פון די פּלשתינא׳ר שטעדט און שטעדטלעך: זיי האָבען כמעט אַלע א האַלב־דאָרפישע פיזיאָ־נאָמיע, אפילו די, וועלכע צעהלען 30 אָדער 40 טויזענד איינוואוי־נער: אַלע שטעדט זיינען ארומגערינגעלט מיט גערטנער, פּרדסים, פעלדער, וועלכע זיינען אייגענטליך א טייל פון שטאָדט־ווירטשאַפט, און זעהר פיעלע פון די שטאָדטישע איינוואָהנער מאַכען א לעבען. פונקט ווי אין די דאָרפישע, פון גערטנעריי, אַקערבוי און פיה־צוכט. די איבעריגע זיינען ציווילע און מיליטערישע בעאַמטע, בעלי־מלאכות, ארבייטער, סוחרים, פעדלער, מיולען־טרייבער, א. אַ. וו. אויך די לעצטע בעזיצען טיילווייז גערטנער אָדער באָדען, וועלכע ברענגען זיי אריין א זייטיגע הכנסה. די שטאָדטישע בעפעלקערונג בעשעפטיגט זיך אויך מיט האַנדעל: זיי קויפען איין ביי די ארומי־

גע פלח'ען (פויערים) און בערואינער זייערע פראָדוקטען (תבואה, פעלען, בהמות, וואָהל א. ד. ג.) און פערקויפען זיי אנדערע סחורות פון אויסלאַנד אָדער פון אָרטיגער פראָדוקציאָן, ווי צ. ב. ש. בי־ ליגע שטאָפען, טאַבאַק, צוקער, רייז, גאַז, (פעטראָלעאום) וכדומה.

אין די שטעדט ביים ברעג־ים בעשעפטיגט מען זיך מיט מסחר, פישעריי און ים־טראַנזיט. אין אנדערע ערטער איז שוין דאָ אַן אָנ־ פאַנג פון אָרטיגער קליין־אינדוסטריע, ווי מיהלען און זייף־פאַב־ ריקען, שפּינעריי, וועבעריי, גלאָז און ליים־אינדוסטריע, מען פלעכט קאָרבען, ראַגאָזשעס און טעפּיכער, מען ארבייט אויס הייליגע זאַכען פון פערלמוטער, א. ד. ג. קיין גרויסע אינדוסטריע איז נאָך אָבער אין ארץ ישראל אין ערגעץ נישטאָ. אין דער הינזיכט האָבען דייט־ שען און אידען געמאַכט דעם ערשטען אָנהויב (גיסעריי־פאַבריקען, וויין־קעלער, א. א. וו.)

דאָ וויל איך אויפמערקזאַם מאַכען אויף פאָלגענדער מערקוויר־ דיגער ערשיינונג. פון די אויבענדערמאָהנטע 29 שטעדט וואָהנען אידען בלויז אין צעהן־עלף אָבער אויך פון די פערמאָגען בלויז זעקס שטעדט אַ בעדייטענדען צאָהל אידען (ירושלים, יפו, חיפה, צפת, טבריה, חברון). אין די איבעריגע 18 שטעדט זיינען גאָר קיין אידען נישטאָ. אזוי צום ביישפּיעל, איז אין דעם גאַנצען עבר־הירדן (אַ דריט־חלק פון גאַנץ ארץ־ישראל) נישטאָ קיין איין איד, ניט ביי דער לאַנדווירטשאַפט און ניט אין די שטעדט, הגם דאָרט זיינען פאַראַן גאַנץ גרויסע שטעדט. איך וועל אָנרופען נור אייניגע פון זיי: כרך (דער אלטער קיר־מואב) מיט אכט טויזענד נפשות, תפל (טופיילאַ) מיט 4000, חצביא מיט פינף טויזענד און אדרעי מיט פיער טויזענד איינוואָהנער .אפילו אין אזאַ שטאָדט ווי די אלטע קראַנ־ שטאָט פון אפרים, אין שכם (אראַביש : נאַבלוס), וואָס צעהלט 27.000 מענשען, און ליעגט אין רייכסטען געגענד פון ארץ ישראל, אין סאַמע מיטעלפּונקט פון לאַנד (צווישען ירושלים און גליל) — איז נישטאָ קיין איינציגער איד, (אויסער די 170 שומרונים).

וואָס זיינען די אורזאַכען פון דער זאַנדערבאַרער ערשיינונג, וואָס גראַד אין ארץ ישראל, וואו עס איז נישטאָ קיין בעגרעניצונגען און געזעצליכע בעשרענקונגען געגען אידען האָט זיך אויסגעאַרבייט אַזאַ מאָדנער „תחום־המושב"? מילא, דאָס וואָס די אידישע דאָרפישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך קאָנצענטרירט אין 3־4 נאָהענטע פונקטען — דאָס איז קיין וואונדער ניט; זי איז נאָך בכלל זעהר יונג, און האָט זיך נאָך נישט געקאָנט פערשפרייטען איבער'ן גאַנצען לאַנד. אָבער דער שטאָדטישער ישוב איז דאָך שוין אַלט הונדערטער יאָהר און דאָך האָט ער זיך בעגרענצט אין אַ דריטעל פון אַלע שטערט.

די סבות זיינען פאָלגענדע:

אומעטום, אין דער גאַנצער וועלט איז די אידישע שטאָדטישע בעפעלקערונג אָפּהענגיג פון דער ארומיגער ניט־אידישער סביבה. און דעריבער טאַקע פערשפרייט זיך דער אידישער ישוב אומעטום וואו ס'איז נאָר דאָ אַ מענשליכער ישוב. אין ארץ ישראל אָבער שטויסט זיך אָט דער פּראָצעס אָן אויף צווייערליי בעגרענצונגען: ערשטענס די בעדערפניסע פון דעם אראַבישען פויער זיינען אונגעהויער קליין, און צווייטענס — האָט ער, דער אראַבער אליין, אַ געבוירענע פעהיגקייט און נייגונג צו פּעדלעריי און מסחר; און דיזע פערמיטלונגס־פונקציע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אידען אין די גלות־לענדער, ערפילט דער היימישער אראַבער בכבודו ובעצמו מיט אַ בעזונדערן חשק. דעריבער האָט דער איד נישט געקענט מאָנאָפּאָליזירען פאַר זיך, ווי אין אנדערע לענדער, די פּעדלעריי און קליין־האַנדעל און האָט זיך דערמיט פערנומען בלויז אין די שוואַכערע אידישע געמיינדען, ווי חברון, צידון, עזה. די מעהרהייט שטאָדטישע אידען בעשעפטיגען זיך מיט מלאכה, שטאָדטישען האַנדעל, מסחר מיט אויסלאַנד, אָדער האָבען אנדערע הכנסות פון חוץ־לארץ. די אידישע

ש ט א ד ט י ש ע ב ע פ ע ל ק ע ר ו נ ג א י ן א ר ץ־י ש ר א ל ל ע ב ט ב כ ל ל נ י ש ט פ ו ן ד ע ם א ר א ב י ש ע ן ד א ר ף.

אויסער דיזע ווירטשאפטליכע מניעות האבען דערביי נאך גע־שפיעלט א בעדייטענדע ראלע געזעלשאפטליך־טעכנישע אורזאכען. די שוואכע פערבינדונגען צווישען די שטעדט און דער מאנגעל אין וועגען האט שווער געמאכט אין געגענדען, וועלכע זיינען ווייט פון ים אדער פון צענטראלע פונקטען, די גרינדונג פון נייע אידישע ישובים און די עקזיסטענץ און ענטוויקלונג פון אלטע. ווער ס'איז נעהנטער בעקאנט מיט'ן אריענט, ווייסט, וואס פאר א וויכטיגע ראלע שפיעלען דארט ביז היינט, רעליגיעזע, ראסען און שטאמען פערבינדונגען. איך וויל עס קלעהרער מאכען מיט א פאר ביישפיע־לען, אזא שטאדט ווי חברון פערמאגט נײנצעהן אדער צוואנציג טויזענד איינוואהנער, אין דעם צאהל — העכער פון טויזענד אידען. אלע איבעריגע זיינען מוסולמאנער. קריסטען זיינען אין חברון כמעט נישטא. אן אנדער ביישפיעל: שכם צעהלט 27 טויזענד נפשות, פון זיי קנאפע 200 שמרונים, 800 קריסטען, די איבריגע — אלע מוסולמאנער. פון עטליכע און דרייסיג טויזענד איינוואהנער פון עזה איז נור איין טויזענד קריסטען, די איבריגע — אלע מוסולמא־נער. עס איז דא אומגעקעהרטע ביישפיעלע: אזא שטאדט ווי בית־לחם האט א צעהן טויזענד נפשות, פון זיי זיינען א 500 מוסולמא־נער, די איבריגע — אלע קריסטען. אידען וואהנען אין בית־לחם אי־בערהויפט נישט. גדידה (לעבען מתולה) האט א 4,000 אייגוואהנער, פון וועלכע 3,500 זיינען קריסטען, א. ד. ג.

אויך די אידען בילדען אין אייניגע שטעדט, וואו זיי זיינען קאנצענטרירט די אבסאלוטע מעהרהייט. אין י ר ו ש ל י ם, צ. ב. ש. צעהלט מען ביז 55 טויזענד אידען (די גאנצע בעפעלקערונג איז 80־85 טויזענד נפשות). אין צ פ ת בילדען די אידען צוויי דריטעל (פון 15־16 טויזענד אלג. בעפעלקערונג), אין ט ב ר י ה אונגעפעהר 75 פראצענט (פון 8,500 אלג. בעפעלקערונג).

די פערשיעדענע נאציאנאלע גרופען האבען, אלזא, א נייגונג זיך צו קאנצענטרירען און צוזאמען גרופירען. אויך דארטען, וואו ס'איז בעשערט צו לעבען צוזאמען אין איין פונקט, גרופירען זיי זיך לויט זייער נאציאנאליטעט, שפראך און גלויבען — אין בעזונ־דערע קווארטאלען און שטאדט־טיילען. דעריבער ווערט אונז פער־שטענדליכער, פארוואס א נייער אידישער ישוב האט נישט גע־קאנט געגרינדעט ווערען דורך איינצעלנע אימיגראנטען אין אזעלכע „נייע פונקטען". מען קאן נישט זאגען, אז עס זיינען נישט געמאכט געווארען קיינע פערזוכען אויף דעם געביעט. זיי זיינען אבער געוועזען אפטמאל עכט־בטלנישע. א לאנגע צייט צ. ב. ש. האבען אידען פון אלטען ישוב ספעציעל אויסגעהאלטען „צעהן בטלנים" אין שכם, כדי דער ישוב זאל דארט נישט בטל ווערען. אזא ערשיינונג איז זעהר אינטערעסאנט אן און פאר זיך, אבער אזעלכע מיטלען האבען, נאטירליך נישט געקאנט ווירקען, און אין דער שטאדט איז יעצט פערשווינדען געווארען שפור פון דעם לעצטען אידען. צוליעב א שטאדטישער קאלאניזאציאן דארפען אנגעווענדעט ווערען ווירק־זאמע, געזעלשאפטליך־פראדוקטיווע מעטהאדען. גאר די לעצטע צייט האט מען זיך גענומען ערנסטער אינטערעסירען מיט דער פראגע. עס איז אויך געמאכט געווארען א קליינער פערזוך צו גרינ־דען א אידישען ישוב אין ר מ ל ה, נייע אידען בעזעצען זיך אין ב י ת ־ ש א ן, א. ז. וו.

די שטאדטישע קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל איז געגאנגען ביז יעצט אזוי שוואך מייסטענס דערפאר, וואס זי איז נישט געוועזען פערבונדען מיט די ווירטשאפטליכע בעדערפנישען פון דער ארטי־גער בעפעלקערונג. פון איין זייט נויטיגט זיך דאס לאנד ניט אזוי פיעל אין א גרויסער שטאדטישער בעפעלקערונג פון סוחרים און פערמיטלער, פון דער צווייטער זייט איז דעם אידען ביז איצט נאך שווער געווען צו קאנקורירען מיט דעם אראבער אויף דעם געביעט. חוץ דעם האט דער איד ניט ריזיקירט זיך אריינצולאזען אביסעל ווייטער, אין טיפעניש פון לאנד, דערפאר וואס ער האט זיך גע־

פיהלט דאָרט שוואַך און אונבעהאָלפען, און אוים מאַנגעל אין פער־בינדונגען און פערקעהרס מיטלען.

דערצו דאַרף מען אבער צו געבען אינערליכע אידישע סיבות, אויף וועלכע עס איז כדאי זיך אבצושטעלען: איך מיין דערביי אונזער מאַנגעל אין איניציאַטיווע און אונזער שוואַכער אונטערנעהמונגס־גייסט. ניט דער אָרטיגער אָריענטאַלער איד און ניט דער אַלטער ישוב — האָבען ניט די איניציאַטיווע און פּיאָנע־רען־מוטה וועלכער איז נויטיג אויף דעם געביעט פון נייער שטאָד־טישער קאָלאָניזאַציע און אויף קאָלאָניזאַציאָנס געביעטען בכלל. די מעהרהייט אידען זיינען איבערהויפּט געניינט צו געהן אויף אויסגעטראָטענע וועגען, איידער אליין דורכצושלאָגען אלס פּיאָנע־רען נייע וועגען אויף אייגענע אחריות. דערצו פעהלען דעם נייעם עמיגראַנט אויך די עלעמענטאַרע ידיעות פון דעם ווירטשאַפטליכען און געזעלשאַפטליכען לעבען פון דער נייער סביבה. ווען די אידישע איינוואָהנער וואָלטען געהאַט מעהר אונטערנעהמונגס פעהיגקייט און פּיאָנירען־גייסט, וואָלט דער איד געקאָנט זיך אויסברייטען און שטאַרק ענטוויקלען דעם אינערליכען האַנדעל מיט דעם אָרטיגען אַראַבישען איינוואָהנער, און בכלל אויפבויען אַ לעבעדיגע ווירט־שאַפטליכע טעטיגקייט, נישט ערגער ווי דער אייראָפּעער האָט עס געטהאָן אין פיעלע ווילדערע געגענדען, צ. ב. ש. אין די וויסטע מדבריות פון צענטראַל־אַפריקא. לאָמיר אַבער האָפען, אז דער נ י י ע ר י ש ו ב, וועלכער האָט זיך ארויסגעוויזען פעהיג צו לע־זען אויף דעם פּיאָנערען־וועג אַ סך וויכטיגע פּראָבלעמען, וועט קאָנען אויך דאָס פּראָבלעם לעזען.

אום צו דערגרייכען אן ערפאָלג פאַר דער שטאָדטישער קאָ־לאָניזאַציע איז נויטיג צו ענטוויקלען די פ ע ר ק ע ה ר ס ־ מ י ט ־ ל ע ן און אָנפאַנגען אן אָ ר ג א נ י ז י ר ט ע ש ט אָ ד ט י ש ע א י י נ ו ו אָ נ ד ע ר ו נ ג אין די ווייטערע געגענדען פון ארץ־ישראל. די פערקעהרס מיטלען דערנעהענטערען די פונקטען, איינעם

צום צווייטען און פערגרעסערען די זיכערהייט און קראפט פון די ניי־געשאפענע אידישע פאזיציעס. צייט וועט געוואונען ווערען, און דער מרחק וועט בעזיעגט ווערען. ערטער, וועלכע זיינען ביז יעצט געוועזען צוויי־דריי טעג ווייט פון ים וועלען דורך גוטע וועגען דערגרייכט ווערען אין עטליכע שטונדען. א געזעלשאפטליך ארגאניזירטע גרופען־קאלאניזאציע וועט קענען שאפען א פלאץ פאר טויזענדער און צעהנדליגער־טויזענדער מענשען דארטען, וואו ביז יעצט האבען נאך קיין צוטריט נישט און, ווי מיר האבען געזעהן, קאנען נאך קיין צוטריט ניט האבען איינצעלנע יחידים. דערביי וועט די פריוואטע און געזעלשאפטליכע איניציאטיווע שוין ארויסגעפינען די בעדערפניסען פון דער ארטיגער בעפעלקערונג און ענטוויקלען אין איינקלאנג מיט זיי דעם נויטיגען אנבאו און האנדעל.

ביז יעצט האבען מיר גערעדט וועגען דער שטאדטישער בעפעלקערונג אויף דעם גרונד פון ארטיגער מלאכה און אינערליכען האנדעל ביי די יעצטיגע בעדינגונגען, ד. ה. אין די ראהמען פון דער היינטיגער פרימיטיווער אראבישער ווירטשאפט. שוין אין די אנגעוויזענע גרענצען איז דא א מעגליכקייט פאר דער עקזיסטענץ פון א אידישער שטאדטישער בעפעלקערונג, וואס זאל זיין לכל הפחות 2 אדער 3 מאל גרעסער פאר דער איצטיגער, ווי נור זי וועט אריבערשפאנען דעם אי־רעאלען פיקטיווען „תחום המושב“. אבער דאס אידישע פראגראם אין ארץ ישראל וואלט קיינמאל נישט געקאנט פערווירקליכט ווערען, ווען די יעצטיגע סיטואציע וואלט אויף אייביג געבליבען ווי זי איז. אונזער זיעג ליעגט אין דער דינאמיק, אין דער ענטוויקלונג פון די פאלעסטינא׳ר פראדוקטיווע כחות. די ענטוויקלונג פון די עקאנאמישע כחות פון לאנד און אומגעגענד וועט עפענען ברייטע עקאנאמישע מעגליכקייטען פאר נייע מיליאנען אידען. דיזע מעגליכקייטען וועלען געשאפען ווערען צוזאמען מיט דער אגרא־

דער אויפבליהונג און אינדוסטריאליזירונג פון לאנד.

איידער מיר געהן אריבער צו דער לעצטער — א פאר ווערטער וועגען אויסלענדישען מסחר פון לאנד. דא קומען אין אנבעטראכט דער עקספארט און אימפארט־האנדעל.

ביי דעם אימפארט זיינען די אידען די לעצטע צייט מעהר־וועניגער פערטראטען, און דאך זיינען ביז יעצט די גרעסטע סוחרים און געשעפטען, וואס אימפארטירען פון אויסלאנד, נישט אידישע. בעזונדערס איז עס אבער צו בעמערקען אין דעם ארויספיהר פון די ארטיגע פראדוקטען, ביי וועלכען אידען בעטייליגען זיך גאר אין א אונבעדייטענדער פראפארציע. איך וויל זיך ערלויבען ברענגען א פאר זייטיגע ציפערן וועלכע זיינען כאראקטעריסטיש פאר דער פראגע. לויט'ן בעריכט פון דייטשען קאנסול אין יאהר 1908 האט די גאנצע גערעטעניש פון די ראיאנען באר־שבע און עזה בעטראפען 116.000 טאן תבואה (איהר ווערטה אין געלד 16 מיליאן מארק). וואס מאכט אויס אונגעפעהר דריי פינפטעל פון דער גאנצער גערעטעניש פון ירושלים'ער בעצירק פון יענעם יאהר. מערקווירדיג איז וואס אין דיביידע דערמאנטע ראיאנען (עזה און באר־שבע) איז כמעט קיין אידען נישטא. און אין דעם גאנצען האנדעל פון דעם רייכסטען געגענד בעטייליגען זיך אידען כמעט ווי גארניט. ביי א געוויסער איניציאטיווע וואלט אין די דערמאהנטע ראיאנען געקענט ענטשטעהן א היבשע שטאדטישע אידישע בעפעלקערונג, וואס זאל זיך אבגעבען מיט תבואה־האנדעל, מלאכה, א. ד. ג. דאס זעלבע וואלט אויך געקענט זיין אין עבר־הירדן, אין דער געגענד, וועלכע גיט ארויס ווייץ און פעללען.

דערצו איז אבער נויטיג אן ארגאניזירטע פלאנמעסיגע טעטיג־קייט, וועלכע זאל זיין צוגעפאסט צו די ארטיגע בעדינגונגען. עס דארפען געשאפען ווערען גרויסע געזעלשאפטען, וועלכע זאלען

אונטערנעהמען בויען וועגען און פערקעהרס־מיטעל. פון דער צוויי־טער זייט דארפען געגרינדעט ווערען קלענערע גרופען מיט דעם ציעל אנצופיהרען א שטאדטישע און ביי־שטאדטישע קאלאניזאציע. די לעצטע קאן געגרינדעט ווערען אויף קאאפעראטיווע אדער אינ־דיווידיועלע יסודות, אבער זי קאן נישט דורגעפיהרט ווערען דורך איינצעלנע אינדיווידועז, נור דורך גאנצע ארגאניזירטע קערפער־שאפטען — „קבוצות“ — די קבוצות דארפען זיך בעזעצען אין די נייע ערטער, ביי שטעדט, און קאנען זיך בעשעפטיגען טיילס מיט מילך־ווירטשאפט, גרינס־צוכט א. ז. וו., טיילס מיט האנדעל און מלאכה. זיי וועלען דיענען אלס יסוד צו א ווייטערדיגער, ברייטער שטאדטישער בעזעצונג אין נייע ערטער.

ליידער איז ביז יעצט דערצו ניט געווידמעט די נויטיגע אויפ־מערקזאמקייט. אויף ווייטער מוז, אבער, דער פונקט פון שטאדטי־שער קאלאניזאציע אונבעדינגט אריין אין אונזער טעטיגקייטס־פראגראם אין לאנד.

2

פון דער סטאטיק געהר מיר, אלזא, אריבער צו דער ד י נ א־מ י ק פון דער פאלעסטינער ווירטשאפט.

אויבען האבען מיר געזעהן, אז די הויפט שטערונגען פאר דער ענטוויקלונג פון דער ארטיגער אינדוסטריע און האנדעל זיינען — די קליינע בעדערפניסע פון דעם איינגעבוירענעם איינוואהנער און דער מאנגעל אין וועגען און פערקעהרס־מיטלען. דער וואוקס פון די פראדוקטיווע כחות אין ארץ ישראל וועט דיעזע מניעות בע־זייטיגען, אבער גאנץ „סטיכיש“ קאן דער פראצעס נישט פארקומען. די ענטוויקלונג פון די כחות פון לאנד פערלאנגט געוויסע פאר־בעדינגונגען, וועלכע דארפען געמאכט ווערען מיט דער הילף פון א רעגירונג אדער פון ארגאניזירטע געזעלשאפטליכע כחות.

ערשטענס קומען אין בעטראכט די פ ע ר ק ע ה ר ס מ י ט ע ל.

אייזענבאהנען, האפענס, שאסעען, בריקען, טונעלען, עלעקטרישע באהנען, טעלעגראף און טעלעפאן פערבינדונגען זיינען נישט נור רעזולטאטען, נור אויך פארבעדינגונגען און שטויסענדע טרייב־קרעפטע פאר דער ציוויליזאציע. די קאלאניזאציע פון ווייטסטע געגענדען קאן דאדורך דערלייכטערט און פארשנעלערט ווערען. רייכסטע באדענס זיינען ביז יעצט פארלאזען און פארוויסטעט אפטמאל נור צוליעב דעם, וואס דער עקספארט פון זייערע פראדוקטען איז אונגעהויער שווער און טייער. ווען די פראגע איז פערענטפערט עפענען זיך פאר אונז רייכסטע האריזאנען אין עבר־הירדן און אנדערע ווייטע פונקטען: אויך די געזעלשאפטליכע זיכערהייט ווערט דאדורך פערגרעסערט, און דער לעבען און אייגענטום געשיצט. דער נאטירליכער שטראם פון ירדן און פון אנדערע טייכען וועט דיענען דערביי אלס אן אונערשעפליכע טרייב־קראפט, אלס „ווייסע קוילען"־שטאף.

דאן קומען גראנדיעזע ארבייטען פון ק א נ א ל י ז י ר ו נ ג און ד ר ע נ א ז ש י ר ע ן.

די מורא'דיגע זומפען און בלאטעס, צ. ב. ש., פון בית־שאן, חולה, חדרה, ירקון און אז. וו. זיינען נישט פון ששת ימי בראשית, נור א רעזולטאט פון יאהר־הונדערטער פערוויסטונג פון אנארכיע. גרויסע שטרעקען האבען מיר אליין דאך שוין פאר די לעצטע דרייסיג יאהר אויסגעטריקענט און געזונד געמאכט. ביי א פלאנמעסיגער ארבייט קאנען אלע זומפען אין ארץ ישראל אויסגעטריקענט און בעפלאנצט ווערען מיט פראכטפאלע בוימער און גערטנער. דורך א סיסטעם פון קאנאלען און באסיינען קאן מען רעגולירען די וואסער איינלייטונג און צוברענגען די ווערטפאלע פליסיגקייט אין די פארווארפענסטע ווינקלען. דערמיט וועלען דערגרייכט ווערען צוויי רעזולטאטען מיט איין מאל. עס וועט פערגרעסערט ווערען דער שטח פונ'ם פרוכטבארען באדען, און עס וועט געזינטער ווערען ווערען די גאנצע סביבה.

די דערמאַהנטע אַרבייטען — דאָס בויען פון די וועגען, בריקען, קאַנאַלען, בעוואַסערונגס־סיסטעמען, א. א. וו. זיינען נישט בלויז אַ מיטעל צו פאַרשנעלערען דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון שטאָדטישער און אַגראַרער אינדוסטריע. זיי האָבען נאָך אַ בעזונדערע בעדייטונג פאַר דעם מאָמענט: זיי וועלען פערלאַנגען מיט איין מאָל הונדערט־טויזענדער אַרבייטער־הענד, און וועלען קאָנען בעשעפטי־גען במשך פון יאָהרען הונדערט־טויזענד אידישע עמיגראַנטען־פאַמי־ליען, און די אַרבייטער, וועלכע וועלען זיך בעשעפטיגען מיט די דערמאָנטע געזעלשאַפטליכע אַרבייטען, וועלען בילאַכוויים אַריבער צו דער לאַנד־ווירטשאַפט און אין יענע אינדוסטריעלע אונטערנעה־מונגען, וועלכע וועלען זיך אין לאַנד ענטוויקלען. און די נייע גע־זעלשאַפטליכע אַרבייטען וועלען אַריינגעהמען נייע עמיגראַנטען פון די גלות־לענדער. אַזוי וועט פאַרקומען אויף אַן עוואָלוציאָנערען אופן דער פּראָצעס פון אומקעהרען זיך פון די פאָלקס־מאַסען צום לאַנד און צום באָדען.

די געזעלשאַפטליכע אַרבייטען זיינען דעריבער דאָפּעלט וויכ־טיג: אַלס פאַרבערייטונג פון דאָס לאַנד פאַר אינדוסטריעלער און לאַנד־ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג, און פאַרבערייטונג פון די מאַסען עמיגראַנטען צו דעם נייעם לאַנד און צום באָדען. עס איז דערביי, נאַטירליך, אַן אונטערשיעד ווי אַזוי וועט די אַרבייט דורכ־געפיהרט ווערען אין לעבען. די אויפגאַבע פון דער אידישע בע־וואוסטזיניגער און אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט איז — צו אָר־גאַניזירען די אַרבייטער אין אַ פאָרם פון קאָאָפּעראַטיווען, אַלס „קבוצות־קבלנות“ (אונטערנעהמונגס־אַרטעלען). דאָס איז אָבער אַ בעזונדערע וויכטיגע פראַגע, וועלכע קען דאָ „אגב אורחא“ ניט בעטראַכט ווערען.

הגם ארץ ישראל איז נאָך ווייניג ערפאָרשט געאָלאָגיש, דאָך איז שוין יעצט קיין ספק נישט מעהר, אַז זי ענטהאַלט אין זיך פיעלע רייכטימער, וואָס קאָנען דיענען אַלס באַזיס און מיטעל פאַר

ארטיגער אינדוסטריע. איך וועל זיך דאָ בעגרענעצען מיט אייניגע רעזולטאַטען פון פּראָפעסאָר בלאַנקהאָרן'ס אויספאָרשונגען אַרום דעם ים המלח און אין די בערג פון מואב. ער האָט ענטדעקט אַרום אל־סאַלט (רמות־גלעד) און אויך אין מערב ארץ ישראל מינען פון פאָספאַט, וועלכע קאָן גוט עקספּלואַטירט און אויסגענוצט ווערען. עס האָבען זיך געפונען אפילו געזעלשאַפטען, וועלכע האָבען געפּרואווט צו בעקומען אויף דעם קאָנצעסיעס. די „סטענדאַרט אויל קאָמפּאַני", צ. ב. ש. האָט דערגרייכט פערשיעדענע קאָנצעסיעס און האָט די לעצטע צייט שוין געפלאַנעוועט שאַסען און אן אייזענבאַהן פאַר דער ענטוויקלונג פון איהרע קאָנצעסיעס. דער ים המלח איז רייך מיט אספאַלט, וועלכער קאָן עקספלואַטירט ווערען; נישט ווייט פון חברון האָט מען נישט לאַנג ענטדעקט נאַפט־קוואַלען, וועלכע מען האָט שוין פאַר א יאָהרען פּראָבירט עקספּלואַטירען. עס זיינען דאָ אין לאַנד אייניגע קוואַלען פון מינעראַלע הייל־וואַסער, וועלכע קאָנען אויסגענוצט ווערען צוליעב סאַנאַטאָריומס און קור־אָרטען. אויסער דעם איז ארץ ישראל רייך מיט געזונדע און שעהנע ווינקלען, וועלכע קאָנען צוציהען צענדליגער טויזענדער טוריסטען פון דער גאַנצער וועלט. די געגענדען אין צפון פון ארץ ישראל זיינען רייך מיט פערשיעדענע מינעראַלען, וועלכע זיינען נאָך נישט גענוי אויסגעפאָרשט, אָבער זיי וועלען האָבען די גרעסטע בעדייטונג פאַר דער צוקונפטיגער אינדוסטריאַליזירונג פונ'ם גאַנצען געגענד. צום סוף וועל איך ווידער דערמאָהנען די אונגעהייערע קראַפט פון ירדן־פאַלל און אנדערע וואַסער־שטראָמען, וואָס קענען דיענען אלס טרייב־קראַפט פאַר פאַבריקען, עלעקטרי, א. ד. ג., פאַר'ן גאַנצען לאַנד.

די אַלע כחות און רייכטהימער פון ארץ ישראל־נאַטור צייגען אַן זיכער ברייטע מעגליכקייטען פאַר אינדוסטריעלער ענטוויקלונג. אויסער דעם, אָבער, מוז אין ארץ ישראל געשאַפען ווערען אַן אינדוסטריע אויף דעם יסוד פון דער אָרטיגער אַגראַרער ווירטשאַפט. ביז יעצט איז אַזאַ אינדוסטריע כמעט נאָך נישטאָ. דער ראשונ'ער

וויין־קעלער (וועלכער איז דער צווייטער אין דער וועלט): די אויל און זייף־פאַבריקען — דאָס איז נור אַ שוואַכער אָנפאַנג פון דער אינדוסטריע פון דעם סאָרט. אָבער ארץ ישראל האָט ביי זיך גאַנצע געגענדען (בית־שאן, דער ירדן־טהאַל א. א. וו.) וועלכע זיינען אַם בעסטען צוגעפּאַסט פאַר אַזעלכע טראָפּישע געוויקסען ווי בוימוואָהל, (קאַטאַן), צוקער־רעהרען, טאַבאַק א. ד. ג., דיזע פּראָדוקטען ווי אויך אַנדערע וועלען דיענען אַלס יסוד פאַר טעקסטיל אינדוסטריע, צוקער און בוימעל פאַבריקען, ברויערייען א. א. וו.

די גרויסע אינדוסטריע און די ענטוויקלונג פון לאַנד־כחות וועלען שנעל אויפהויבען דעם אָרטיגען געברויך פון דעם איינגעבאָרענעם, און וועלען צוציהען אַ גרויסע אימיגראַציאָנס־שטראָם מיט אַ העכערען „לעבענס־שטאַנד" פון דער אַנדערער זייט. דער עיקר איז אָבער, אַז די גרויסע אינדוסטריע איז תמיד אָנגעוויזען אויף דעם וועלט־האַנדעל און דעם וועלט־מאַרק, וועלכער וועט אַרויסרופען די אונבעגרעניצטע פערברייטונג פון דער אָרטיגער אינדוסטריע. די געאָגראַפישע לאַגע פון ארץ ישראל איז פאַר דעם וועלט־האַנדעל זעהר גינסטיג. נאָך דעם פערענדיגען פון באַגדאַד־באַהן און דורכפיהרונג פון דמשק־ירושלים־קאַהירער צווייג וועט ארץ ישראל ווידער ווערען אַ מיטעל־פּונקט פון דער וועלט־האַנדעל, ווי זי איז געוועזן אין די אַלטע צייטען און אין דער ערשטער העלפט פון מיטעל־אַלטער.

די ענטוויקלונג פון אָרטיגער אינדוסטריע, אַגראַרער ווירטשאַפט און האַנדעל וועט מוזען אַרויסרופען די שנעלע וואוקס פון דער שטאָדטישער בעפעלקערונג, נאַטירליך, וואָלט עס געווען לעכערליך צו נביאות זאָגען אין ציפערען וואָס פאַר אַ ברייטע פאָרמען וועט די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג אָננעהמען, אָבער דער פאַקט, אַז דער אינדוסטריעלער ישוב וועט זיך שטיצען מעהר אויף דעם אויסלענדישען ווי אויך דעם אינלענדישען געברויך, דער פאַקט גאַראַנטירט כמעט אַז אונבעשרענקטע ענטוויקלונגס־מעגליכקייט אין דער הינזיכט.

צום סוף פון דיעזען קאפיטעל קאנען מיר זיך ערלויבען, דעריבער נור איינינע אלגעמיינע אויסרעכנונגען. די יעצטיגע בעפעלקערונג פון מערב ארץ ישראל איז דורכשניטליך 24 מאן אויף איין קוואדראט קילאמעטער. אויף גאנץ ארץ ישראל מאכט עס אויס בסך הכל 12 מאן אויף א קילאמעטער. ביי א בעפעלקערונג פון צוויי מיליאן וועט גאנץ ארץ ישראל נישט האבען קיין געדיכטערע בעפעלקערונג ווי דער היינטיגער גליל; ביי א ישוב פון 5 מיליאן—ניט מעהר ווי די געדיכטקייט פון די בערג לבנון, היינטיגען בירות׳ער ראיאן. ביי א בעפעלקערונג פון 8—9 מיליאן וועט די געדיכטקייט זיין אלץ קלענער ווי אין איטאליען, און צוויי מאהל קלענער ווי אין בעלגיען מיט אנדערע ווערטער, אז די קליינע ארץ ישראל קאן אין זיך ארייננעהמען א 4—5 מיליאן אידען. און דאן וועט זי ערשט האבען די מעגליכקייט וואקסען כמעט אין פיער מאהל, ביז זי וועט זיך אויסגלייכען מיט בעלגיען. אבער — דאס טארען מיר בשום אופן נישט פערגעסען — אז דער אידישער ישוב קען זיך נישט בעגרענעצען, און וועט זיך נישט בעגרעניצען מיט דעם געביעט פון קליין ארץ ישראל: ער וועט מוזען זיך צוביסלעך פאנאנדערגיסען אויף דעם גאנצען געביעט פון גרוים ארץ ישראל — ד. ה. ארייננעהמען סיריען אין כלל. דארטען איז דא גענוג פלאץ פאר א צאהל אימיגראנטען, וועלכע איז אין צוויי מאל גרעסער ווי דער צאהל פון די אידען אויף דער וועלט.

אבער וועגען די „ארומיגע לענדער” אין נעקסטען קאפיטעל.

קאַפּיטאַל ג.

דאָס „גרעסערע ארץ ישראל“.

1

דער בעגריף „גרעסערע פּאַלעסטינאַ“ איז נישט קיין גאָר נייער. אין די ציוניסטישע קרייזען האָבען שוין לאַנג איינזיגע אָנגעזעהענע טהוער, ווי ד. טריטש און אַנדערע ארויסגעשטעלט די פאָדערונג צו פערשפּרייטען די טהעטיגקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן נישט נור אויף ארץ ישראל, נור אויך אויף דעם געביעט פון די נאַכבאַרלענדער. אין די סטאַטוטען פון קאָלאָניאַל־באַנק זיינען אויך אריין די ווערטער „נאַכבאַרלענדער“. דער אויסדרוק ווערט אויך בענוצט אין דער פּראָגראַם פון די פּועלי ציון.

יעצט, ווען „פּאַלעסטינאַ“ געהט ארויס פון די ענגע ראַהמען פון אַ בעשטימטער פּאַרטיי־פּראָגראַם און ווערט שוין געוויסערמאַסען אַ פאָלקס־לאָזונג, דאַרף די פראַגע פון דעם „גרעסערע פּאַלעסטינאַ“ אָדער פון „פּאַלעסטינאַ מיט איהרע נאַכבאַרלענדער“ אודאי ציהען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט.

וואָס אַנבעלאַנגט מיר, גלויב איך, אַז דאָס „גרעסערע ארץ ישראל“ האָט פאַר אונז ביי יעצטיגען טאָג, דערווייל, בלויז אַ טעאָרעטישע בעדייטונג, אַלס אַ צוקונפטיגעס אימיגראַציאָנס און קאָקאָלאָניזאַציאָנס־געביעט פאַר הונדערטער, טויזענדער און מיליאָנען אידען. ביי היינטיגער רעאַלער קאָלאָניזאַציאָנס־ארבייט, מיט די כחות וואָס מיר האָבען דערווייל, מוזען מיר קאָנצענטרירען אונזער גאַנצע ארבייט אויף דער אַזוי גערופענער קלענערער ארץ ישראל. אָבער דאָס „גרעסערע פּאַלעסטינאַ“ טאָר נישט פערגעסען ווערען אַלס צוקונפט־געביעט, אַלס רעזערוו־לאַנד פאַר דער אידישער אימיגראַציע.

צוזאַמען מיט דעם ווידעראויפלעבען פון ארץ ישראל וועט פאַר אונז סיריען בעקומען אַלץ מעהר און מעהר בעדייטונג אַלס רעזערוו־לאַנד, די בעדייטונג וועט וואַקסען צוזאַמען מיט דעם וואוקס און איבערוואוקס פונ׳ם ישוב אין ארץ ישראל גופא.

אַבער איידער מיר טרעטען צו צו דער עצם פראַגע, מוז איך זאַגען אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם בעגריף „גרעסערע פּאַלעסטינא״.

* * *

אין ערשטען קאַפּיטעל האָבען מיר דערמאָהנט דעם אונטער־שיעד צווישען ארץ ישראל אין ענגערן זינן און דעם „גרעסערען פּאַלעסטינא״. דאָס „גרעסערע פּאַלעסטינא״ קאָן בעטראַכט ווערען ענטוועגדער פון דעם היסטאָריש־נאַציאָנאַלען אָדער עקאָנאָמיש־קאָ־לאָניזאַטאָרישען שטאַנד־פּונקט. היסטאָריש האָבען זיך אייניגע מאָל די גרענעצען פון ארץ ישראל געביטען: לויט איין בעצייכנונג נעהמט דאָס לאַנד אריין דעם באַרג לבנון און ארם, אָדער סיריען, צוזאַמען מיט דער סירישער וויסטע ביז מעסאָפּאָטאַ־מיען*). אין אַן אַנדער אָרט נעהמט „ארץ כנען״ אריין אין איהר צפון טייל גאַנץ סיריען, אַבער אין מזרח טייל גרייכט זי בלויז ביז׳ן ירדן**) שפּעטער געהט שוין אויך גאַנץ עבר־הירדן אריין אין גע־ביעט פון ארץ ישראל. אין דער ווירקליכקייט האָבען די אידען קיינ־מאָל נישט איינגענומען די אונצוגענגליכע לבנון־בערג, און נור איינצעלנע מלכים ווי דוד, שלמה, און ירבעם בן יואש האָבען פער־שפּרייט זייער הערשאַפט ביז בירות, דמשק, חמת (היינט: חאַממאַ), ארם־צובא (היינט: אַלעפּפּאָ), אָדער אפילו תדמור (פּאַלמירא). דאָס „ברייטערע ארץ ישראל״ איז, אַלזאָ, געווען אַ אידעאַלער בעגריף, וועלכער איז דערגרייכט געוואָרען בלויז טיילווייז, און נור אין פער־שיעדענע עפּאָכען.

---

*) זעה ספר בראשית קאַפּ. ט״ו, 18—21.

**) זעה ספר במדבר קאַפּ. ל״ד, 3—12.

דיזע „אידעאַלע ארץ ישראל" גרענעצט זיך אין צפון־זייט מיט די טאורוס אָדער אַמאַנוס־בערג; אין מזרח — מיט דער סירישער וויסטע און דעם טייך פרת (עפראַטוס), און דרום — מיט דער ליניע וואָס שניידט דורך די אַראַבישע וויסטע, פאַרביי אַקאַבאַ־גאָלף ביז וואַדי־אַל־עריש. אַדמיניסטראַטיוו ענטהאַלט זי יעצט זעקס בע־צירקען (ירושלים'ער אונהאָבהענגיגער סאַנזשאַק, די ווילאַיעטען דמשק, בירות, חלב, דער סאַנדשאַק זאָר און דער אויטאָנאָמיער בע־צירק לבנון), וועלכע זיינען בעקאַנט אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָ־מען „סיריען". צוזאַמען מיט ארץ ישראל רעכענט זי 260—280 טויזענד קוואַדראַט קילאָמעטער, (אָהן ארץ ישראל, הייסט עס, אונ־געפעהר, 200 טויזענד קוואַדראַ קילאָמעטער), מיט אַ בעפעלקערונג פון אונגעפעהר 3,500.000 איינוואָהנער. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: אַ לאַנד וואָס איז אין דרייען גרעסער פאַר קליין ארץ ישראל און צעהלט אין דריי מיט איין האַלבען מאָל אַ גרעסערע בע־פעלקערונג.

אויסער סיריען קאָן בעטראַכט ווערען אַלס נאָכבאַרלאַנד דער האַלב אינזעל ס י נ י, וועלכער איז כמעט צוויי מאָל גרעסער פאַר מערב ארץ ישראל (59 טויזענד קוואַדראַט קילאָמעטער) און האָט בסך הכל אַ 16—17 טויזענד איינוואָהנער; ער האָט אָבער דעם חסרון, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויסטענים, מדבר סיני, וועלכע האָט קיין ווערטה נישט פאַר קאָלאָניזאַציאָן.

וואָס אַנבעלאַנגט וואַדי־אַל־עריש, וועלכער שטעהט אונטער דער ענגלישער הערשאַפט (יעצט אין די הענד פון דעם אָטאָמאַנישען מיליטער) געהערט ער אייגענטליך, נישט צו די נאָכבאַרלענדער, נור צו פּאַלעסטינאַ אין ענגען זינן פון וואָרט.

איינציגע אַנהענגער פון דער „גרעסערע פּאַלעסטינאַ" פאַלען אַריין אין אַ טעות, פאַררעכענענדיג אין קאָן אויך מעסאָפּאָטאַמיען (ארם־נהרים). דאָס איז ניט ריכטיג: מעסאָפּאָטאַמיען גרענעצט נישט האַרט מיט ארץ ישראל (ווי עס איז דער פאַל מיט סיריען): זי

איז אבגעטיילט פון גאנץ סיריען און ארץ ישראל מיט א מדבר־לאנד, וואס ציהט זיך אין דעם ענגסטען פלאץ פון פיער הונדערט מיילע (צווישען צפון סיריען און מעסאפאטאמיען), ביז טויזענד מיילע אין דער ברייט און טויזענדער מיילען אין דער לענג. איבער דעם מדבר זיינען נישטא קיינע פערקעהרס־מיטלען אויסער קאראוואנען פון פערד און קעמלע און וואגענס־פערקעהר. ווען אבער דער אייזענ־באהן וועט שוין דורכשניידען גאנץ טערקיי, פון קאנסטאנטינאפאל ביז באגדאד, ווען עס וועט אויך סיריען מיט דעם באהן פערבונדען ווערען, וועט מעסאפאטאמיען האבען א בעדייטונג ניט פון א נאכ־בארלאנד, נור פון א הינטערלאנד צוליעב איהר קלימאטישע, עקאנאמישער און געאגראפישער וויטקייט און פערשיעדענהייט.

אבער אויך אלס הינטערלאנד, וועט מעסאפאטאמיען תמיד האבען א געוואלדיגע בעדייטונג פאר דעם האנדעל און עקאנא־מישער ענטוויקלונג פון אונזער ארץ ישראל. דעריבער וויל איך ברענגען א פאר ציפערן, וועלכע זיינען העכסט חאראקטעריסטיש פאר דעם צוקונפט פון דיעזען לאנד:

דער גאנצער שטח פון מעסאפאטאמיען פערנעהמט א פלאץ פון אונגעפעהר 400.000 קוואדראט קילאמעטער (154.000 סקוועד מייל). דער באדען צווישען דיביידע טייכען, פרת און חדקל איז דער פרוכטבארסטער אין דער וועלט. די מאנאטען פעברואר און מערץ צוגיסט זיך חדקל איבער די ברעגעס, און דאן אין אפריל, מאי, יוני, יולי און אוגוסט צוגיסט זיך פרת און זיי בעפרוכבארען עס מיט זייער צופלוס דעם באדען, וועלכער איז גינסטיג פאר פערשיעדענע תבואה און טראפישע פלאנטאציעס ווי צום ביישפיעל, מאיס, קאטאן, א. ד. ג.

די גריכישע היסטאריקער דערצעהלען, אז די מלכים דריוש און אחשורוש (קסערקסעס) האבען דא געהאלטען און געשפייזט אן ארמעע פון מיליאנען. ווען דאס זאל זיין אפילו איבערגעטריבען איז אבער א פאקט, אז אין די צייטען פון הארון־אלרשיד האט באגדאד

אליין געצעהלט א גאנצען מיליאן איינוואוינער מיט 24.000 געסלעך, היינט האט די שטאדט נישט אפילו קיין 200.000. דער באדען איז פערנאכלעסיגט און דאך גיט ארויס דער ווילאיעט בגדד צוויי מיליארד קילאגראם תבואה. אבער נור איין פערטעל דערפון ווערט ארויסגעפיהרט צום פערקויף אויסער דעם געגענד. די איבעריגע דריי פערטעל ווערען אויף'ן ארט פערברויכט, פ ע ר פ ו י ל ט און פ ע ר ב ר ע נ ט, צוליעב מאנגעל אין עקספארט און פער־קעהרס־מיטלען.

דער געגענד פון דיארבעקיר און אגראם איז רייך מיט פערשיע־דענע מינעראלע רייכטימער.

דער בעריהמטער ענגלישער פארשער אינזשעניר וויל־קאקס, חשבונ'ט אויס, אז די הוצאות פון בעוואסערונג דארפען בעטרעפען בסך הכל 180.000.000 פראנק, (36.000.000 דאלער). דערמיט קאן מען צוריק געווינען ביי דעם מדבר א שטרעקע פון 5 מיליאן העקטאר מיט א יעהרליכע הכנסה פון $20.000.000 א יאהר.

די ציפערן ווייזען קלאהר ווי גרויס איז די צוקונפט פון מע־סאפאטאמיען. דאס בעדייט אויך די אויפבליהונג פון גאנץ ארץ ישראל און סיריען, וועלכע וועלען דיענען אלס האפענס פאר מעסא־פאטאמיען.

דאך איז מעסאפאטאמיען א בעזונדער לאנד, פונקט ווי די לענדער, וועלכע דער אלטע פערטיידיגער פון „גרעסערע ארץ ישראל" מר. ד. טריטש פעררעכענט אין חשבון פון ארץ ישראל, דהיינו א טייל פון דעם אדאנער ווילאיעט און אויך פון אי־קפריסין (דער אינזעל קיפרוס)· פון דער צווייטער זייט נעהמט ער אריין אין חשבון נישט גאנץ סיריען, נור א טייל פון איהר —— די מערב־העלפט, וואס גרענעצט זיך מיט'ן ים, א שטח פון 120,000 קוואדראט קילא־מעטער (48,000 סקווער מייל).

אין אמת'ן זיינען די אַלע גרענעצען פון גרעסערען ארץ ישראל גאַנץ ווילקירליך און אַנדערש האָט גאָר נישט געקאָנט זיין. וואָרים, ווי געזאָגט, נור דאָס לעבען אַליין קאָן ענטשיידען איבער דער פראַגע, ווי גרויס עס וועט זיין די ספערע פון דער אידישער פּאַלעס־טינאַ און ווי ברייט זי וועט זיך פערשפּרייטען. אַלץ הענגט אָב פון דער קראַפט פון דעם אידישען ישוב אין ארץ ישראל גופא, און פון דער בעדערפעניס אין אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע פון דעם אַל־וועלטליכען יודענטום. וועט זיך דער ישוב געננוג פערפעסטיגען אין ארץ ישראל גופא, און דערביי וועט נאָך די בעדערפעניש פון דעם גלות יודענטום נישט בעפרידיגט ווערען, דאַן וועט די קאָלאָניזאַציע נאַטירליכערהייד אַריבערוואַקסען אַלע גרענעצען ניט נור פון דעם קלענערען נור אויך פון דער היסטאָריש גרעסערען ארץ ישראל, און וועט קאָנען אַריינגעהמען קיפּרוס, מעסאָפּאָטאַמיען, א. א. וו.

ווי אַזוי אָבער דער פּראָצעס וועט פאָרקומען לאָזט זיך עס נאַ־טירליך, נישט פאָראויסבעשטימען. פאַר דעם צוועק פון אונזער ווערק, איז אָבער געננוג אָנצונעהמען אַלס אַקטועלע נאָכבאַרלאַנד גאַנץ סיריען. דאָס געביעט אַליין שאַפט אונז שוין אויסעראָרדענט־ליכע קאָלאָניזאַציעס און עמיגראַציאָנס־מעגליכקייטען.

2

די געשיכטע דערצעהלט אונז, אַז אין דער רוימישער עפּאָכע, דאָס הייסט, אין דער צייט פון אונזער בית־שני, האָבען די צוויי גע־ביעטען: „אַראַביאַ פּעטראַ“ און „אַראַביאַ דעזערטאַ“ געצעהלט ביז 22 מיליאָן נפשות און גע'שם'ט אַלס „שפּייכלער פון דער רוי־מישער אימפּעריע“. דיביידע געגענדען בעדייטען גאַנץ סיריען און ארץ ישראל (אויסער דעם עבר־הירדן). דיזער ראַיאָן צעהלט היינט אונגעפעהר צוויי מיט האַלבען מיליאָן נפשות, דאָס הייסט, אין 9 מאָל ווייניגער ווי פאַרצייטענס.

דאָס זיינען פאַקטען. אין דער צייט, ווען אין דער גאַנצער

וועלט ברענגען די נייע צייטען מיט זיך נייע מעטאדען פון קאמפף געגען דער נאטור, עס ווערען געשאפען נייע מיטלען און מאשינען. דער ישוב פערגרעסערט זיך און פערמעהרט זיך, זעהן מיר דא, אין סיריען און אין ארץ ישראל א גאנץ אומגעקעהרטע ערשיינונג. די געגענדען, וועלכע האבען אמאל געבליהט זיינען יעצט פערוויסטעט, דער מדבר האט געזיעגט איבער'ן ישוב, און די בעפעלקערונג האלט אין איין צוריקפאלען.

מיט וועלכע געשיכטליכע און סאציאלאגישע סבות די ערשיינונג זאל זיך נישט ערקלעהרען, דער פאקט איז, אז ביי היינטיגען טאג איז סיריען (מיט ארץ ישראל) לויט איהר נאטור, זעהר א פרוכטבאר לאנד. אין דער הינזיכט שטעהט זי העכער פון איטאליען; אויך לויט איהרע נאטירליכע רייכטהימער, וועלכע זיינען דער יסוד פאר אינדוסטריעלער ענטוויקלונג, שטעהט סיריען נישט ניעדעריגער פאר איטאליען. פון דעם שטאנדפונקט פון האנדעל האט זי א בעסערע פאזיציאן אלס פארלאנד פאר דער צוקונפטס־רייכער מעסאפאטאמיען. די לעצטע מעלה וועט זיך קלאהר ארויס־צייגען באלד נאך דער פערענדיגונג פון בגדד'ער באהן, וועלכער וועט פעראייניגט ווערען דורך אן אבצווייגונג מיט דעם חעדזשאזער און דורך די אינלענדישע אייזענבאהנען, פיליכט אויך מיט עגיפטען..

די פערבאהנונג פון סיריען און ארץ ישראל וועט זיין א וויכ־טיגער אימפולס פאר דער אינדוסטריאליזירונג און קאלאניזירונג פון לאנד, וועלכע וועט, אלזא, ביי אזא געדיכטקייט פון בעפעל־קערונג ווי איטאליען (115 נפשות אויף א קוואדראט קילאמעטער) קאנען ארייננעהמען אין זיך אן ערך פון 28 מיליאן מענשען (חוץ פאלעסטינא און חוץ דער איצטיגער בעפעלקערונג פון סיריען).

די יעצטיגע בעפעלקערונג פון סיריען אויסער ארץ ישראל בע־שטעהט פון אונגעפעהר 2,500,000 נפשות, וועלכע זיינען איינ־הייטליך לויט זייער שפראך, אבער גאנץ פערשיעדענארטיג לויט

זייערע רעליגיאָנעו און גלויבונגען. די מעהרהייט זיינען מוסולמאַ־ מאַנער (אונגעפעהר 1,300,000), נאָך זיי קומען די קריסטען, וועלכע זיינען צורסיען אויף עלף־צוועלף הויפּט־סעקטען, דער גרעס־ טער טייל פון זיי זיינען מאַראָניטען (אין לבנון) און גריכיש אָרטאָ־ דאָקסיש. (צוזאַמען צעהלען די קריסטען אונגעפעהר 880,000 נפשות). דאַן געהן אַזעלכע סעקטען ווי די דרוזען (אַ 100 טויזענד), איזמאַעליטען (אַ 100,000) און אַ פּאָר טויזענד אייראָפּעער. אידען זיינען דאָ אין סיריען, אויסער ארץ ישראל, ביז 40,000.

הגם די פערשיעדענע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע גרופּען זיינען צושפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד, דאָך קאַן מען בעמערקען, אַז זיי גרופּירען זיך צוזאַמען. אַזוי, צום ביישפּיעל, זיינען פון די 390,000 איינוואוינער פון ל ב נ ו ן כמעט 320,000 קריסטען. די איבעריגע: דרוזען און מוסולמאַנער. פּאַרקעהרט, פון די 100.000 איינוואוינער פון'ם בעצירק ז אָ ר זיינען נור טויזענד קריסטען, די איבעריגע — אַלע מוסולמאַנער (50 אידען). די דרוזען בעזיצען אַ בעזונדערע טע־ ריטאָרי — לעדזשאַ (אין חוראן), טיילס וואוינען זיי אין לבנון. אין די אַנדערע „ווילאַיעטען" איז די בעפעלקערונג אַ פּיעלפאַכיגע, אָבער דאָך קאָנצענטרירען זיך די קריסטען על פּי רוב אין בעזונדערע רעדעפער און בעצירקען, בעזונדערס אין די האַפען־שטעדט (ווי בירות, צור, צידון, אַלכסנדרעטאַ), די מוסולמאַנער גרופּירען זיך מעהר אין די אינערליכע שטעדט (דמשק, חמת, חמץ, חלב). די אידען זיי־ נען קאָנצענטרירט אין 3-4 הויפּט־שטעדט (דמשק, בירות, חלב א. ד. ג.)

די געגענדען ביי די ברעגען פון ים זיינען מעהר געאייגענט פאַר גערטנעריי. דאַן געהט דער געביעט פון אַקערבוי, און אויף די ברעגען פון מדבר — פיה־צוכט (שאָף, ציעגען, גמלים). די געדיכטקייט פון דער בעפעלקערונג פאַלט אַב וואָס מעהר מיר דערווייטערען זיך פון ים אין דער טיעפעניש פון לאַנד. אַזוי צעהלט, צום ביישפּיעל, ב י ר ו ת ' ע ר בעצירק, וועלכער בעשעפטיגט זיך מעהרסטענטיילס

מיט גערטנעריי, 95 נפשות אויף א קוואדראט קילאמעטער. לבנון — 65 נפשות: דמשק צעהלט שוין נישט מעהר ווי 10 נפשות אויף א קוואדראט קילאמעטער און חורן בסך הכל 6 נפשות.

ווי רייך סיריען איז לויט איהר נאטור, קאן מען זעהן פון דעם עקספארט פון דעם לאנד. אט זיינען איינינע פראדוקטען, וועלכע ווערען עקספארטירט פון סיריען קיין אויסלאנד: גערשטען, ווייץ, דורא, סעזאם, בעבלאך, רייז און טאבאק (עקספארטירט דורך די האפענס פון לאטאקיא, ג'בל, בירות און צידון). קאטאן (בוימוואהל) — איבער חלב, אידליב און קולים. פערשיעדענע מיני בשמים, אליוועז, טרויבען פייגען, אפריקאסען, מאנדלען, פיסטאשקעס (פי־נאטס), אפעלסינען, לימאנען — דורך פאיאס, אלקסאנדרעטא, אנטיוכיא, טראבלוס, צידון, צור און יפו. אייניגע סארטען האלץ, גומי, מילך, וואהל, פעלען, וואקס, שוואמען א. ז. וו. — דורך בירות'ר און אלעקסאנדרעטא'ר פארטען אליין ווערט טראנספארטירט אויף העכער א מיליאן ענגלישע פונט יעהרליך. דער גאנצער עקספארט פון סיריען בעטרעפט דריי און א האלב מיליאן פונט יעהרליך, וואס עס מאכט אוים מעהר ווי איין פונט אויף א נפש.

סיריען האט פיעלע פערבארגענע רייכטימער, וועלכע זיינען נאך נישט גענוג אויסגעפארשט. עס זיינען דא אספאלט־מינעס (אין האסבעא). איזען־מינעס (אין זייתין און מרעאש). אמברא, אנטימאן און באראדיט (לעבען אלעקסאנ־דרעטא און אנטיוכיא) חראם־מינעראלען לעבען לא־טאקיע, אלעקסאנדרעטא און חלב), קופער, ניקעל און בליי (אין דזשעבל־אקרא), גאלד און זילבער (לעבען מארעאש), קוילען־מינען (לעבען אנטיוכיה, איאס און עגלון), פעט־ראלעאום (אין עגלון און לעבען ים המלח), גיבס און פאס־פאט, קאלי־זאלץ, בראם און מאגנעזיום, קאלך, ליים, מארמאר. די אלע נאטור־רייכטהימער

זיינען נאָך נישט אויסגענוצט צוליעב דער אונאָרגאַניזירטקייט פון דער טערקישער רעגיערונג, איהר שוואַכקייט, און אַ דאַנק דעם מאַנגעל אין פּערקעהרסמיטלען.

אויף ווי ווייט די וועגען זיינען פערנאַכלעסיגט, קאָן מען זעהן פון דעם פאַקט, אז אין גאַנץ סיריען און ארץ ישראל איז דאָ סך הכל אַ 7-8 ברוקירטע וועגען (שאָסעען) פיעלע שטעדט זיינען אָבגעריסען פון דער וועלט און קיין וואָגען קאָן צו זיי נישט צוקומען (צום ביישפּיעל, צפת). וואָס אַנבעלאַנגט אייזענבאַהנען, איז דאָ אין גאַנץ ארץ ישראל זעקס ליניען, וועלכע מאַכען סך הכל ביי אַ 1200 קילאָמעטער (750 מייל). ביי אַזאַ צושטאַנד פון וועגען און פערקעהרסמיטלען, דערצו ביי אַ מאַנגעל פון בענק און קרעדיט אַנשטאַלטען, איז שווין גאָר קיין וואונדער נישט פאַר וואָס זיינען די רייכטהימער פון לאַנד אונבעריהרט. פערקעהרט, עס איז נאָך אַ חדוש, וואָס ביי אַזעלכע אומשטענדען עקספּאָרטירט דאָס לאַנד דאָך פראָדוקטען און רויע מאַטעריאַל אויף אַזוינע גרויסע סומען. די אויבענגעבראַכטע ציפערען מוזען אונז איבערצייגען, אז די צוקונפט פון סיריען איז אַ גלענצענדע, נישט נור אַלס קאָלאָניזאַציאָנס-לאַנד, נור אויך אַלס צוקונפטיגעס אינדוסטריע-לאַנד.

די קראַפט פון איהרע טייכען און שטראָמען, וואָס פליסען פון די העכסטע בערג וועט בענוצט ווערען אַלס טרייב-קראַפט פאַר עלעקטריציטעט און בעוואַסערונג, און די רייכטהימער פון נאַטור — אַלס מאַטעריאַל פאַר דער זיך-ענטוויקלענדער סירישער אינדוסטריע. די ערוואַכונג פון מעסאָפּאָטאַמיען און קליין-אַזיען קענען אויפהויבען סיריען ווידער אַמאָל צו דער מדרגה פון אַ האַנדעלס-צענטער פון דער וועלט, ווי אין די גאָלדענע צייטען פון אַלטערטום און פון מיטעל-אַלטער.

ווען איז בעשערט צו שפּיעלען די הויפּט-ראָלע אין דעם ווידעראויפלעבען פון סיריען ? אז די אָרטיגע בעפעלקערונג איז דער-צו אַליין נישט פעהיג איז צו זעהן פון דער גאַנצער געשיכטע פון

סיריען, וועלכע שטעלט מיט זיך פאר א בילד פון ווילדער פארוויסטונג, און טיילווייז פון איינפאכען אונטערגאנג. דער צוקונפט פון דער לאנד איז פיעל אבהענגיג פון די וויטערדיגע פאליטישע בעדינגונגען פון לאנד. אבער איין זאך איז קלאר, אז ניט נור מיט פאליטישע בעדינגונגען קאן מען אויפלעבען דאס לאנד. דערצו איז נויטיג א רעגעלמעסיגע קאלאניזאטארישע און אינדוסטריעלע ד. ה. אן עקאנאמישע טהעטיגקייט, וועלכע פערלאנגט נישט נור מיליאנען און מיליארדען געלד, נור פילייכט מיליאנען פעהיגע מענשען.

מיר קענען נאך אין דעם מאמענט נישט וויסען, אין וועמעס הענט עס וועט פערבלייבען דער פאליטישער גורל פון סיריען נאך דער מלחמה. אבער איין זאך איז זיכער: נישט די טערקען און נישט די ענגלענדער אדער פראנצויזען פיהרען ניט אן אין אריענט קיין מאסען־קאלאניזאציע. זיי קאנען איינפיהרען די נויטיגע פאר־בעדינגונגען פאר אינדוסטריע אדער אינדוסטריעלע פלאנטאציעס, פאר יעדער פארם פון ציוויליזאציע, אבער דעם מענשען־מאטעריאל פאר דער דורכפיהרונג פון זייערע ארבייטען זיינען זיי נישט אימשטאנד פון זיך צו שאפען. דער מאטעריאל קאן זיין אדער אן ארטיגער אדער א צוגעקומענער. דער אידישעראינטערעס פערלאנגט אז דער נויטיגער פאר'ן לאנד אינטעליגענטער אימיגראנט זאל זיין דער איד. דאס ליגט אויך אין די אינטערעסען פון ל א נ ד, ווארום דער איד איז דערצו פעהיג, און דער ארטיגער אראבער איז — אונפעהיג ווי מיר האבען שוין פריהער געזעהען. דאס איז דעריבער אין די אינטערעסען פון דער אטאנאמישער מלוכה, אלס גאנצער — אלץ איינס צו דער אדער יענער פאליטיקער אדער מיניסטער אנערקענט עס, אדער ער בעגרייפט עס ניט. אבער יעדענפאלס, די דורכפיהרונג פון דער פראגראם איז מעהר א פראגע פון עקאנאמישער זעלבסטטעטיגקייט, איידער פון „רעכט" אדער „פאליטיק".

ווי מיר האבען אויבען שוין בעמערקט האט פאר אונז סיריען א בעדייטונג, אלס רעזערוו־לאנד פאר אידישע אימיגראציע. עס איז אבער אויך ניט אויסגעשלאסען, אז אידישע איינוואנדערונג און

בעזעצונג אין סיריען זאָל זיך אָנפאַנגען פריהער, ווי מיר דענקען, ד. ה. נאָך איידער די אידען וועלען ווערען די מעהרהייט אין ארץ ישראל. פאַר סוריען וואָלט עס געקאָנט זיין אין א פאָרם פון אינ־דוסטריעלער און שטאָדטישער קאָלאָניזאַציע. אויב אידישער קאַפּי־טאַל און אידישע ארבייט זאָלען נעהמען אַן אנטהייל אין דער אינ־דוסטריאַליזירונג פון לאנד, דאַן וואָלטען געקענט ערשיינען א גאַנצע רייהע פון אידישע ישובים אין די עקזיסטירענדע צענטרען און אויך געבויט ווערען נייע אידישע פּונקטען. אַזעלכע אידישע ישובים וואָל־טען זיך בעשעפטיגט מיט ארבייט, מלאכה און האנדעל און געשפּילט די ראָלע פון פאָרפּאָסטען פאַר קולטור און ציוויליזאַציע אין לאַנד.

פאַר דער אידישער איינוואַנדערונג אין סיריען וועט שטעהען יעדענפאַלס אַן אויפגאַבע, וועלכע איז פּערצייטענס געשטאַנען פאַר אידען אין אַלע אַנדערע לענדער פון זייערע היסטאָרישע וואַנדערונ־גען א,ין די טעווטאָנישע, מערב־סלאַווישע און מזרח־סלאַווישע מדינות. דערביי איז דאָ, אָבער א גרויסער אונטערשיעד, וועלכער שטאַמט דערפון, אַז יעצט וועלען זיי האָבען אין דער נאַכבאַרשאַפט א אידענלאַנד מיט א קאָמפּאַקטער אידישער מעהרהייט און עקאָנאָ־מישער, פּילייכט אויך פּאָליטישער אויבערהערשאַפט. מיט דעם אי־דענלאַנד וועלען די סירישע אידען זיין פערבונדען עקאָנאָמיש און קולטורעל, און אויף איהם וועלען זיי זיך שטיצען אין זייער ווייטער־דיגער ענטוויקלונג, און וועלען פּילייכט בילדען א נאַטירליכע פאָרט־זעצונג פון דעם אידישען אָרגאַניזם פון ארץ ישראל.

דער צווייטער אונטערשיעד איז — אין דעם אינערליכען כאַ־ראַקטער פון דער סירישער איינוואַנדערונג, וועלכע וועט זיין נישט בלויז צוליעב האַנדעלס צוועקען — און וועט בעשטעהען פון א פּראָ־דוקטיווען ארבייטער עלעמענט; זי וועט זיך נישט בעגרענצען מיט שטאָדטישען ישוב, נאָר אריינדרינגען אויך אין דער אגראַדערווירט־שאַפט.

האָבענדיג א נאַטירליכע באַזע פון אַן אַגראַרער און אינדוס־

טריעלער בעפעלקערונג וועט דער אידישער ישוב מיט דער צייט אריינגעהמען אין זיך אלץ נייע און נייע אימיגראציאנס וועללען. די נייע־אנגעקומענע וועלען זיך צונויפוואקסען מיט די פריהערדיגע, און די אידישע עקאנאמישע קראפט וועט דאדורך קאנצענטרירט און פערשטארקט ווערען. דער אידישער ארבייטער וועט זיך בעפרייען פון די ראהמען פון דער קליין־פראדוקציאן אין וועלכער ער איז אריינגעקוועטשט איבעראל. ער וועט ווערען דער קוואליפיצירטער און נאטירליכער פראלעטאריער, ווי דער דייטש אין דייטשלאנד, ווי דער ענגלענדער אין ענגלאנד. ארגאניזירענדיג זיך אין קאאפעראטיווע און אנדערע פארמען, וועט ער פון אנפאנג אן, ביי דער „וויגעלע" פון די נייע געזעלשאפטליכע פארמען אויסאיבען זיין קראפט און איינפלוס אויף סאציאלע אינסטיטוציאנען און ארדנונגען פון'ם נייע־געשאפענעם לעבען.

דער אנדערער פועל יוצא פון דעם אביעקטיווען אונטערשיעד צווישען דער סירישער און אנדערער אידישער אימיגראציע וועט בעשטעהן אין דעם, וואס די דעמאקראטיזירונג און ציוויליזירונג פון נאהנטען אריענט וועט זיין צו דערזעלבער צייט א פראצעס פון דער אידישער ציוויליזירונג, אלס נאציאן צווישען די איבעריגע נאציאנען פון נאהענטען אריענט. דער פראגרעס פון דעם מזרח וועט בעשטעהן אין דער אויפלעבונג און עמאנציפירונג פון דער גאנצער פאדער־אזיאטישער נאציאנען־משפחה, צו וועלכער די אידישע נאציאן געהערט אלס גלייכער מיטגליעד. און לעזענדיג די אייגענע פראבלעמע אין דעם נאהענטען אריענט, וועט די אידישע נאציאן דערמיט זעלבסט ווערען א געוואלדיגער פאקטאר אויף פאר דער לעזונג פון דער אריענטאלער פראגע, פון די גרויסע קולטור־פראבלעמען וואס קומען ארויף אויף דער טאגעס ארדנונג אין'ם נאהענטען אריענט.

שלום וואָרט.

די קאָלאָניזאַציע און איינוואַנדערונג אין ארץ ישראל איז, נאַטירליך, פריהער פון אלץ א בעוועגונג וועלכע האט די אויפגאַבע צו פערענטפערען די נויטען פון דער אידישער נאַציאָן, אלס אזעל־כער. צו דערזעלבער צייט איז אבער העכסט וויכטיג צו בעשטימען, וואָס פאַר א ווירקונג און רעזולטאַטען וועט האבען די קאָלאָניזאַציע און איינוואַנדערונג פאַר דעם גאַנצען לאַנד און פאַר איהרע אראַ־בישע איינוואָהנער.

פון די אויבענגעבראַכטע ציפערען און פאַקטען, וואָס כאראַק־טעריזירען די ברייטע ענטוויקלונגס־מעגליכקייטען פאַר דער לאַנד־ווירטשאַפט און אינדוסטריע פון סיריען און ארץ ישראל, איז קלאָר, אז די איינוואַנדערונג פון עטליכע מיליאָן אידען אין די לענדער בעדייטעט פאַר קיין פאַל נישט, אז די אראַבער וועלען ארויסגע־שטויסען ווערען פון די לענדער. עטליכע מיליאָן נייע אידישע קאָלאָ־ניסטען וועלען ניט קענען בעאַרבייטען מעהר ווי א קליין טייל פון דעם גאַנצען באָדען; אַזוי ווי דאָס לאַנד קען אבער לייכט איינ־נעהמען אין 10 מאָל א גרעסערע בעפעלקערונג איידער די צאָהל, וועלכע זי צעהלט היינט צו־טאָג, איז דאָך קלאָר, אז די אָרטיגע בע־פעלקערונג וועט ניט פערשטויסען ווערען, א דאַנק דעם, וואָס עס וועט צוקומען עטליכע מיליאָן מענשען.

פון דער אנדער זייט,וועט די אידישע בעפעלקערונג ענטוויק־לען ברייטע מעגליכקייטען פאַר דעם ווירטשאַפטליכען און קול־טורעלען פראָגרעס פון לאַנד.

די אראַבער אליין, ווי מיר האָבען געזעהן, צעהלען א צעהנט־חלק פון דער בעפעלקערונג וועלכע די לענדער האבען מיט יאָהר־הונדערטער צוריק פערמאָגט. די קולטור איז געזונקען און זינקט. די

אַרטיגע בעפעלקערונג איז אונפעהיג זיך אויפצוהויבען מיט די אייגענע כחות אויף אַ העכערע מדרגה פון עקאָנאָמישען און קולטורעלען לעבען. עס פאָדערט זיך אַ העכערער קולטורעלער עלעמענט, וועלכער זאָל אויפבויען די קולטור און ציוויליזאַציע אין דעם לאַנד, אַזאַ עלעמענט, וועלכער זאָל אין דעם זיין פעראינטערעסירט מיט זיין גאַנצען לעבען און דערצו זיין פעהיג, צו דער היסטאָרישע אויפגאַבע.

דער עלעמענט, אויף וועלכען דאָס לאַנד וואַרט אַזוי לאַנג זיינען מיר, אידען. מיר זיינען בלוטיג פעראינטערעסירט, נישט נור אין אונזער אייגענער אויפלעבונג נור אויך אין דעם אויפלעבען פון אונזער לאַנד. אין דער זעלבער צייט האָבען מיר שוין געהאַט די געלעגענהייט אַרויסצואווייזען, צו וואָס מיר זיינען פעהיג אונטער די ערגסטע אומשטענדען: די פ ו פ צ י ג אידישע קאָלאָניעס זיינען בלויז אַ קליין אילוסטראַציע, אַ בעשיידענער מאָדעל פון דעם וואָס מיר קאָנען נאָך שאַפען.

צוויי הויפּט־פונקטען מוזען מיר גוט בעגרייפען. ערשטענס, מיר קאָנען ניט און מיר דאַרפען ניט די אַראַבער פון לאַנד פערשטויסען. דעריבער דאַרפען מיר עס גאָר ניט וועלען. אונזער שיקזאָל בינדט אונז מיט זיי צוזאַמען. אויב אונז איז בעשערט אונזער אַלטע פאָטערלאַנד צוריק צו בעהערשען, איז עס ניט דורך דעם פערשטויסען פון איהרע היינטיגע איינוואוהנער, נאָר דורך איהר ענטוויקלונג, דורך דער פערגרעסערונג פון עקזיסטענץ־מיטלען — און במילא — פון דער לאַנדס־בעפעלקערונג. צווייטענס, דאָס לאַנד קאָן אָהן אונז ניט אויסקומען אַלץ איינס, צו די אַראַבער זיינען דערמיט איינפערשטאַנדען, אָדער ניט: וואָרום מיר און אונזערע קינדער זיינען די טרעגער פון קולטור און פון עקאָנאָמישען פּראָגרעס אין דער לאַנד פון אונזערע עלטערן.

דאָס איז אַ פאַקט, אַז מיר האָבען געשאַפען עקזיסטענץ־מעגליכקייטען פאַר טויזענדער, דאָרטען וואו עס האָבען געלעבט און גע־

שעפט חיונה מיט צרות בלויז צעהנדליגער. מיר האבען געבויט גערטנער דארט וואו עס איז געווען פוסט און וויסט, מיר האבען דורכגעלעגט וועגען דארט, וואו עס האט זיך קיין וואגען ניט געווי־זען משׁשׁת ימי בראשית; מיר ברענגען די העברעע טעכניק, מיר טראגען די העברעע קולטור, מיר שאפען די בעסטע ארדנונג אין לאנד. און דאס אלעס — אהן פאליטישע כונות און הינטערגעדאנ־קען, ווי עס טהוען די גרויסע מעכטע אין דער טערקיי, אלץ איינס, צו זיי זיינען צו איהר פיינדליך — אדער פריינדליך.

די פראגע טאר מען נישט פערמישען מיט אן אנדערע, וועלכע האט צו טהאן דירעקט מיט די מעטהאדען און וועגען פון קאלאניזא־ציע. איך מיין די פראגע פון אידישער ארבייט. מיר ווילען די ארא־בער פון לאנד ניט פערדרענגען — מיר דארפען אבער אונזערע קאלאניעס און פארמס בויען אזוי, אז זיי זאלען אונזער הויפט־אויפגאבע דורך דעם פערענטפערען: זיי זאלען מיט זיך ווירקליך א אידישע ווירטשאפט פארשטעלען און דערצו א לעבענס־פעהיגע שטארקע ווירטאפט. און דאס קאן נור דאן זיין ווען די אר־בייט זאל דארט בלויז אידיש זיין. די פארם פון קאלאני־זאציע איז שוין אונזער אייגענע אנגעלעגענהייט, וואס געהט קיי־נעם נישט אן. מיר קאנען אונזערע קאלאניעס צו־ווארפען איבער'ן לאנד, מיר קאנען זיי אין איין פלאץ קאנצענטרירען, און אין דעם פלאץ א בעזונדער צענטער שאפען. מיר קאנען מאכען קאאפערא־ציעס אדער איינפיהרען גרויסע פריוואטע לאנדווירטשאפטען — אין דעם וועלען מיר קיינעם ניט ערלויבען זיך צו מישען. דאס איז א ריין אינערליכע פראגע, וועלכע איז אבהענגיג פון אונז אליין.

איין זאך דארף פאר אונז קלאר זיין, אז כדי צו שאפען א נייע קולטור איז ווניג צו בעזיצען אן איבערשפיצטען קאפ. מען דארף דערצו הענד, ארבייטס־הענד, וועלכע זאלען זיך אויסטויגען צו טעכ־ניש ענטוויקעלטער, צו קוואליפיצירטער און ניט קוואליפיצירטער ארבייט. אנדערש, קאן מען זיין מעקלער און פערמיטלער פאר

פרעמדע, קרעמער און בעדיענער — אַבער ניט קיין שעפּפער פון אַ נייעם לעבען, ניט קיין טרעגער פון מעכטיגער קולטור ניט קיין זעלבסטשטענדיגע אַרבייטער און קעמפּפער פאַר אַ ליכטיגער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער צוקונפט.

די בעסטע כחות פון דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל און פון זיינע פריינד אין אויסלאַנד האָבען שוין אָנגעהויבען צו בעגרייפען, אַז די גאַנצע צוקונפט פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד איז אָבהענגיג אָן די יסודות, אויף וועלכע זי וועט זיך שטיצען. דיעזע יסודות מוזען דאָס פאָלק מיט זיין אייגען לאַנד פערבינדען, זיין צוקונפט — מיט איהר צוקונפט, זיין קולטור און פּראָגרעס מוז מיטברענגען איהר קולטור און פּראָגרעס. און דיעזע יסודות זיינען — אידישע אַרבייט און נאַציאָנאַלע קולטור.

שוין ערשיענען.

1) „יזכור", 50 סענט לייווענט געבונדענע $1.00 פראכט־באנד.
2) „דער אלף בית פון פועלי ציוניזם", פון י. זאר, פרייז 7 סענט.
3) „די יסודות פון דער פועלי ציון פארטיי", פרייז 2 סענט.
4) „דער פאלעסטינא ארבייטער פאנד", פון בן־צבי, פרייז 3 סענט
5) „דער נאציאנאל פאנד — וואס ער איז און וואס ער האט אויפ־געטהאן", פון בן־גוריון.

צו בעקומען אין אפיס פון די פוע"צ פ. ק.

89 Delancey Street, New York City

קארטע פון ארץ ישראל
מיט איהרע נאכבארלענדער
קוניא
קוניא
אירגלי
קאראמאן
עדנא
עינטאב
תרשיש
אנטיוכיה
אחלב
לאטאקיה
חמת
אי-קפריסין
(קפרוס)
לרנקא
לימסול
חומץ
טריפוליס
זור
לבנון
ים התיכון
(ים הגדול)
בירות
צידון
צור
דמשק
סוריה
(ארם)
עכו
חיפה
בית שאן
שכם
יפו
אל-קודש
ירושלם
מדבר
ערב - וסוריה
פארט-סעיד
עזה
מצרים
נחל מצרים
(אל-עריש)
סיני
עציון גבר
(עקבא)
0 50 100 150 200